בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם

ע"ד הסלולה של

רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע

מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות

מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

ק"ו

יו"ל: כ"ט מנחם אב ה'תשפ"ב

מכון

טעם זקנים

שיחותיו של

רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב,
נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה״ב
**1-845-200-0443**
(ארה״ק: 072-257-3456)

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3)
של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

ליטול חלק בהוצאות העתקת
הטייפ׳ס ולהדפיסם, וכמו כן
לקבל את הקונטרסים דרך הדואר
(בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15
יכולין להתקשר:
**להרב נחמן אשר האס**
**(+1) 845-548-1179**

# תוכן השיחה

**איף וועמען וואלט ער געוויזן זיין רחמנות?**
**״לפנים ממלאכי השרת״**
**״לא תשכח יום דלית ביה טוב״**
**״דו טוה אין אידישקייט״**
**דער שורש פון אפיקורסות**
**״מען דארף נישט מער ווי אביסל שיין לעבן!״**
**פארקאטשעט די פֿאָלעס**
**דריי יאר פארשיקט אין אומאן**
**ר׳ יוסף יונה געזעגנט זיך שוין**
**גוט דאס דערהערט**
**״והכינו את אשר יביאו״**
**״הכון לקראת אלקיך״**
**״ואני תמיד עמך״**
**״עבדו את ה׳ בשמחה״**
**״כולו זרע אמת״**
**הערט איף זיין ארעמעלייט**
**ער זיצט אָפּ אין גן עדן**
**זיך דערווייטערן פון ויכוחים**
**אחר בלותו יפרח ויציץ**
**אט איז שוין פערציג יאר נאך רבי נתן׳ען...**
**״איך וואלט געקענט מאכן בעסער...״**

ניתן להאזין לכל השיחות שי״ל על ידינו:
בקו ׳מערכת ברסלב׳
ארה׳׳ק: 02.560.7387
ארה׳׳ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו״ב יש להקיש:
#2.1.2.1.1 ואח״כ #106

בס"ד

# שיחה פרשת בא (ח"א)
## שנת תשל"ו

(טייפ מס' 129#)

## אויף וועמען וואלט ער געוויזן זיין רחמנות?

(לומד בליקוטי מוהר"ן תורה ס"ד אות א')

דער רבי ברענגט דא א שטיקל "עץ חיים": "כי השם יתברך מחמת רחמנותו ברא את העולם" - דער אויבערשטער האט באשאפן דער וועלט מחמת זיין רחמנות. ער האט געוואלט ארויסווייזן זיין רחמנות דערפאר האט ער באשאפן דער וועלט! "ואם לא היה בריאת העולם על מי היה מראה רחמנותו" - אויף וועמען וואלט ער ארויסגעוויזן זיין רחמנות?! "ועל כן ברא את כל הבריאה מתחילת האצילות עד סוף נקודת המרכז של עולם הגשמי כדי להראות רחמנותו".

"וכאשר רצה השם יתברך לברוא את העולם, לא היה מקום לבראו, מחמת שהיה הכל אין סוף, על כן צימצם את האור לצדדין, ועל ידי הצימצום הזה נעשה חלל הפנוי, ובתוך חלל הפנוי הזה נתהוו כל הימים והמידות שהם בריאת העולם (כמ"ש בעץ חיים בתחלתו)".

קיין גרעסערע רחמנות איז נישטא ווי דאס אז א איד דערקענט דעם אויבערשטן! מיר קענען זיך נישט אויסמאלן אין דער וועלט מיט די הנאות מיט די תענוגים - דעם

תענוג פון זיין נענטער צום אויבערשטן! דער רבי זאגט דארט אין תורה ע"ב[א] (תניינא): אז מען איז אינגאנצן 'בלתי גבול', קען ער האבן עפעס א שייכות וואס דאס הייסט.

מען קען זיך נישט אויסמאלן וואספארא תענוג דארטן איז דא. און צוליב די רחמנות האט דער אויבערשטער באשאפן דער וועלט, ווייל ער וויל געבן אידן צו פארזוכן פון דעם תענוג הנצחי. דער רבי זאגט אין א תורה[ב]: אז **"איין רגע תענוג פון 'דארטן' איז בעסער ווי דער גאנצער וועלט מיט אלע אירע תענוגים!"**. עס איז דאך דא א וועלט מיט תענוגים מיט הנאות - איין רגע תענוג 'דארט' פון השגות אלוקות קלאפט די גאנצע וועלט נישט אָן.

עס איז דא השגות אלוקות וואס עס איז א טאג, א יאר, און עס איז דא השגות פון א רגע. און איין רגע תענוג השגות אלוקות איז א געוואלד! מיר קענען זיך אויסמאלן וואספארא (תענוג)?! און צוליב דעם האט דער אויבערשטער באשאפן דער וועלט, ווייל ער האט געוואלט אז די אידן זאלן פארזוכן דעם תענוג. דאס איז א תענוג הנצחי, א תענוג פון השגות אלוקות, שעשוע עולם הבא.

## "לפנים ממלאכי השרת"

- זאגט דער רבי: דערפאר האט דער אויבערשטער באשאפן אלע עולמות - 'עולם אצילות' און 'עולם הגשמי'. קומט דאך אויס, אז אפילו די מלאכים האט ער אויך באשאפן צוליב דעם. אבער די מלאכים אליין קענען נישט האבן דעם תענוג.

---

[א] וזל"ש: **"כי תענוג עולם הבא אי אפשר לנו להשיג עכשיו, וזה מחמת שאנו עכשיו בגבול, וכל דבר שיש לו גבול אי אפשר לו להשיג תענוג עולם הבא הרוחני"**.

[ב] תניינא ז', ושם באות ו': **"כל הזמן של כל העולם הזה כולו, מה שהיה ומה שיהיה, הוא כולו אין ואפס נגד יום אחד, ואפילו נגד רגע אחת של עולם הבא, שהוא יום שכולו ארוך. ושם אין שום זמן, כי הוא בחינת למעלה מהזמן, רק סדר הזמנים שיש שם הם בחינת השגות של המקיפים. שיש מקיפים שהם בחינת ימים, ויש מקיפים שהם בחינת שנים**, בחינת: "תקופות הימים" (שמואל א א), "תקופות השנים" (שמות ל"ד ודברי הימים ב כ"ד) ואלו המקיפים שיש שם, הם בחינת סדר הזמנים שם. **והשגות מקיפים הללו זה עיקר התענוג והשעשוע של עולם הבא; אשרי מי שזוכה להשיגם!"**.

דער רבי ברענגט אין דעם אנדערן חלק אין תורה א"[ג], אז זיי (המלאכים) קענען נישט האבן דעם תענוג וואס אידן וועלן האבן.

ער האט טאקע באשאפן די מלאכים וואס זיי שטייען דארטן (לשרתו). אום שבת זאגט מען אין "שערי ציון" - דער אר"י הקודש רעדט אויס א געוואלד וואס די מלאכים טוהען. אבער גוט, זיי האבן נישט קיין שום זאך (מניעה). "והחיות רצוא ושוב"[ד] - זיי לויפן צום אויבערשטן - און מחמת גרויס ברען לויפן זיי באלט קריק. אסאך מלאכים נאכן זאגן שירה איינמאל פאלן זיי באלד אריין אין 'נהר דינור' און זיי זענען שוין פארברענט. זיי האבן דאך נישט קיין שום מניעות, טאג און נאכט אָן א רגע אויפהער ברענען זיי און פלאקערן זיי נאר צום אויבערשטן, דער לויפט צו דעם און דער לויפט צו דעם. אבער דער תענוג וואס אידן קענען האבן (בעוה"ב, איז ווייבאלד) אז זיי זענען דא אין 'דער' וועלט מיט אירע תאוות מיט אזעלכע תענוגים וואס אַוואו מען גיט זיך א ריר איז מען אין א סכנה - "ראה מסוכן כמוני"[ה] איז ממש וואו מען גיט זיך א ריר! ווייל אזוי ווי מען קען זוכה זיין אין דער וועלט צו אזא מין תענוג נצחי, אזוי איז מען דאך יעדע רגע אין א סכנה - אט כאפט מען א קוק (וואס טויג נישט), מען כאפט א טראכט, מען כאפט א דיבור, דער הבל אליין איז א געוואלדיגער הבל פון אפיקורסות, עס איז דאך א געוואלד! - און אז אידן געפינען זיך דא אין דער וועלט און ווערן צדיקים, זענען זיי אוודאי נענטער צום אויבערשטן! יענע (- המלאכים) האבן דאס גארנישט אינגאנצן. צוליב די רחמנות האט דער אויבערשטער באשאפן דער וועלט.

---

[ג] באות א', וזל"ש: "**כי איש הישראלי נברא, שיהיה לו ממשלה על המלאכים, וזה התכלית והסוף של ישראל**, כמו שאמרו רז"ל (ירושלמי שבת פרק ב'): 'עתידין צדיקים, שיהיה מחיצתן לפנים ממלאכי השרת', שנאמר: "כעת יאמר ליעקב ולישראל מה פעל אל", **שהמלאכים יצטרכו לשאול מישראל, כשירצו לידע מה פעל אל**".

[ד] יחזקאל א, יד.

[ה] תפילה שלאחר תיקון הכללי

## "לא תשכח יום דלית ביה טוב"

און יעדער איינער וואס וויל זיין נעגטער צו דעם תכלית, ער וויל זיין עפעס אביסעלע איידעלער, מוז ער עס טוהן דא אין דעם עולם.

און פון אנטקעגן שטייט א גדר ארום. דער רבי ברענגט דעם זוהר[י] אין דער תורה "במה הארכת ימים" (תורה פ"ד): "לא תשכח יום דלית ביה טוב וכו' וכל יומא אית ליה גדר מלבר, דלא יֵעול כל בר-נש להחוא טוב". א גדר איז דא ארום און ארום אז דער מענטש זאל נישט קענען צוגיין צו דעם טוב פון דעם טאג.

דער רבי זאגט דארטן, אז די 'נחשים ועקרבים' נעמען ארום דארטן (דעם טאג). אונזערע לייט פלעגן זאגן: ווער זענען די נחשים ועקרבים וואס לאזן נישט אריין אין דעם טוב אריין? דאס איז די תאוות פון דער וועלט מיט די מידות רעות מיט אירע תענוגים מיט אלע זאכענישן. נאר וואס דען? ביי זיי (- הצדיקים) הייסט עס 'נחשים ועקרבים' ווייל זיי לאזן נישט אריין אין דעם טוב.

- זאגט דער רבי דארטן: "פתחו ליה בהאי תרעא דאתקרי אהבה, או בהאי תרעא דאיהי תשובה" - דורך דער טויער פון אהבה אדער פון תשובה קען מען זיך אריינכאפן און הנאה האבן פון דעם טוב.

נו, קומט דאך אויס דא אז יעדן טאג איז דא עפעס אזא מין טוב, נישט בכלל, נאר יעדן טאג! אז א מענטש לעבט דורך די יארן האט ער דאך אסאך טעג, איז יעדן טאג א באזונדערע טוב. און דער מענטש דארף אריינגיין אין דעם טוב אריין פון דעם טאג און נישט אפלייגן פון איין טאג אויפן אנדערן. אט דער טאג האט אזא מין טוב אין וואס דו דארפסט אריינגיין - אזוי האסטו א טאג! עס איז טאקע דא חילוקים

---

[י] פר' נשא קכג.

**פון וויפיל מען קען אריינגיין אין דעם טוב פון דעם טאג, אבער מען דארף אריינגיין[ז]. דער רבי זאגט[ח] אז 'טוב' איז דער צדיק און די תורה; דער אור הגנוז איז טוב!**

(וצריך להתבונן:) **'אזא מין טוב איז דא אין דעם טאג, אז עס גייט אוועק דער טאג - וואס האב איך אריינגעכאפט? וואו איז דער טוב פון דעם טאג?!' - דאס איז דער ענין פון רעדן צום אויבערשטן דיבורים! מען קען מאכן פון דעם א שיחה פארן אויבערשטן: 'רבונו-של-עולם, דער רבי דערציילט אונז א מעשה אז עס איז דא א טוב אין דעם טאג, דער טאג קומט אן און דער טאג גייט אוועק - ווי גיי איך אריין אין דעם טוב אריין פון דעם טאג? עס קומט דאך אויס אז אויב איך האב נישט דעם טוב האב איך דאך נישט קיין טאג!'.**

**"ויקרבו ימי ישראל"[ט] "ויקרבו ימי דוד"[י] - אלע טעג זענען אריין! יעדן טאג איז אריינגעגאנגען אין דעם טוב! עס איז געווען א טאג, עס איז געווען א 'יום-טוב' - א גוטער טאג. אז ער גייט אריין אין דעם טוב אריין האט ער א גוטן טאג, א טאג מיט טוב.**

**חוץ פון דעם: א מענטש קען דאך נישט שטיין,** (ע"כ) **אז ער גייט נישט אריין אין דעם טוב, איז דאך דא חלילה דער היפך, דער רע. אזוי ווי עס איז דא טוב אזוי איז אויך דא 'רע', 'אור וחושך', 'תוהו ובוהו', עס איז דא 'רע'. פארוואס גיי איך נישט אריין אין דעם טוב? ווייל איך האב אינזין אנדערע זאכן, 'נחשים ועקרבים', די**

---

[ז] עי' בליקוטי הלכות הל' פקדון ה"ד, אותיות ו'-ח'.

[ח] ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ג.

[ט] בראשית מז, כט. ועי' זוהר הקדוש ויחי דף רכ"א ע"ב על פסוק זה: "הָכִי תָּאנָא, כַּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בָּעֵי לְאֲתָבָא רוּחֵיהּ לֵיהּ, כָּל אִינּוּן יוֹמִין דְּקָאִים בַּר נָשׁ בְּהַאי עַלְמָא, אִתְפַּקְדָן קַמֵּיהּ, וְעָאלִין בְּחוּשְׁבְּנָא... זַכָּאָה חוּלָקֵיהּ דְּהַהוּא בַּר נָשׁ, דְּיוֹמוֹי אִתְקְרִיבוּ גַּבֵּי מַלְכָּא בְּלָא כִּסּוּפָא, וְלָא דָחֵי יוֹמָא מִנַּיְיהוּ לְבַר, דְּיִשְׁכַּח בְּהַהוּא יוֹמָא, דְּאִתְעֲבִיד בֵּיהּ חוֹבָא. בְּגִין כָּךְ, כְּתִיב בְּצַדִּיקַיָּא, **קְרִיבָה**, מִשּׁוּם דְּקָרִיבוּ יוֹמוֹי קַמֵּי מַלְכָּא, בְּלָא כִּסּוּפָא".

[י] מלכים-א ב, א.

תענוגים מיט די זאכענישן. אז איך גיי נישט אריין אין דעם טוב - איז נישט נאר איך ווער אָן דעם טוב, נאר איך האב דאך חלילה אַנדערס...

מען רעדט דאס אלץ דא אז מען זאל מאכן דערפון א שיחה צום אויבערשטן: 'מען דערציילט אונז א מעשה אז יעדן טאג איז דא א טוב - געוואלד! אז עס קומט אריין א טאג, מיט וואס דארף איך פארברענגען דעם טאג?'.

מיר דארפן נישט זאגן קיין גרויסקייטן, אבער על-כל-פנים כאטש היטן די צייט פון דעם טאג, און מרבה זיין בטוב און זיך דערווייטערן פון רע ווי ווייט מען קען. דער 'רע', (דהיינו) די תאוות ותענוגים, און ווער שמועסט פון דער מחשבה מיט דעם דיבור מיט דער רְאִיה - דאס איז דאך א געוואלד! דאס איז א געוואלד! דאס איז די נחשים ועקרבים וואס לאזט נישט צו צו דעם טוב.

## "דו טוה אין אידישקייט"

דער רבי האט דאך געזאגט[יא]: אז דער עיקר טוב - "דו טוה גוטס; גוטס וועט בלייבן, שלעכטס וועט אַראָפּפאַלן!". נו, צו וויסן די ידיעה אליין אז ווען עס קומט א טאג דארף איך וויסן אז דער טאג וועט דאך אוועקגיין און איך דארף עפעס פארזוכן דעם טוב פון דעם טאג, זוכן עפעס דעם טוב (- זה ג"כ דבר גדול!).

אזוי ווי א מענטש ווייסט אז ער דארף עסן צוויי מאל צו דריי מאל אינעם טאג און ער דארף שלאפן, אזוי דארף ער וויסן אז עס איז דא א טוב אין דעם טאג און איך דארף אריינגיין אין דעם טוב אריין פון דעם טאג.

❖

[יא] עי' חיי מוהר"ן, אות תמ"ז: "עוד שמעתי מהאיש הנ"ל. שפעם אחת דיבר רבי גרשון מטירהאוויצע עם רביז"ל וקִבל לפניו מאד על אשר צר לו בעבודת השם. ענה רביז"ל ואמר: **אתה עשה טוב ועסוק בעבודתו באמת וכשתעסוק ותתמיד בעבודתו יתברך אזי הטוב ישאר והרע ממילא יתבטל!** (**דוא טוא אין יודישקייט, גיטס וועט בלייבן און שלעכטץ וועט ממילא אראפ פאלן**)".

דער רבי זאגט דא (בתורה ס"ד): אז דער אויבערשטער האט באשאפן דער וועלט ארויסצווייזן זיין רחמנות. אין תורה ס"ג[יב], זאגט דער רבי דארט: "ששת ימים עשה ה'" - אז די טעג האט דער אויבערשטער אויך באשאפן, ער האט באשאפן די ששת ימים אויך - ער האט דאך באשאפן יעדן טאג. איז יעדן טאג האט ער באשאפן כדי צו ארויסווייזן זיין רחמנות. און די רחמנות איז, איך זאל ארייננגיין אין דעם טוב פון דעם טאג.

קומט אויס, אז יעדער טאג איז א בריאה פאר 'מיר', יעדער טאג איז א באזונדערער (טוב) וואס מען באקומט דעם טאג. "ובטובו מחדש בכל יום" - יעדן טאג איז דא א חידוש אז דער אויבערשטער איז מחדש דעם טאג אז עס זאל זיין דער טאג. וואס האב איך פון דעם טאג? אז איך זאל האבן דעם טוב פון דעם טאג! עס קומט א טאג און דער טאג גייט דאך אוועק.

❖

## דער שורש פון אפיקורסות

רבי נתן רעדט אין א הלכה[יג] דארטן - א גרויסע הלכה - אויף דער תורה פון "ואת הערבים" (תניינא סי' ד'), און אויף דער תורה פון די "כ"ד פדיונות" (ליקו"מ קמא סי' רט"ו) - א געוואלדיגע הלכה - איבער דאס גרויסקייט פון רצון! "מצח הרצון", "הארת הרצון". דארטן רעדט ער אלץ פון די 'זקני הדור שאין להם שלימות' וואס זיי זענען נישט מוסיף קדושה ודעת, 'זקנים', מען ווערט עלטער מיט א טאג און מען ווערט נישט עלטער מיט קדושה ודעת[יד].

---

[יב] עיי"ש: "וזה בחינת 'בראשית' - בר"א שי"ת (תיקוני זוהר י"א), בחינת 'ששת ימים'".

[יג] ברכת השחר ה"ה.

[יד] וז"ל רביז"ל שם בתורה ד' תניינא אות ח': "וצריך האדם, כל מה שמזקין, כל מה שנתוסף ובא לו יום מימי חייו, להוסיף בכל יום ויום שבא אחר כך תוספות אור קדושה ודעת, וכמו שאמרו רז"ל (קנים פרק ג): 'זקני תלמידי חכמים כל זמן שמזקינין, דעתן מתיישבת עליהן' כי צריכין בכל יום ויום שבא אחר כך

עס קומט אויס פון דארטן - מען האט דאך צוטוהן היינט מיט אפיקורסות, עס איז א געוואלד די אפיקורסות וואס טוהט זיך אין דער וועלט. און יעדער איינער מיינט אז די וועלט ליגט אין אפיקורסות ווייל 'דער' איז שולדיג, 'דער' איז שולדיג. דער רבי זאגט אבער דארט אין דער תורה, אז אויב מען ווערט עלטער מיט א טאג און מען ווערט נישט עלטער מיט קדושה ודעת, איז עס געפאלענע טעג - און פון די טעג איז יונק דער מצח הנחש. זיין יניקה איז פון די 'זקני הדור שאין בהם שלימות'.

קומט אויס, אז יעדער איינער דארף דאך זאגן: 'איך גיב זיי א יניקה, זיי האבן פון מיר א יניקה'. ווייל מיט א טאג ווער איך עלטער און מיט קדושה ודעת ווער איך נישט עלטער. וואס הייסט 'קדושה ודעת'? ער ווערט 'הייליגער' און 'קליגער'. אז עס קומט מיר נישט צו מער קדושה מיט מער דעת האט ער א יניקה פון מיר.

דער רבי זאגט טאקע אין תורה ה'[טו], אז יעדער דארף זאגן "בשבילי נברא העולם" - פאר מיר איז געווארן באשאפן דער וועלט! וואס וועט מיר ארויסקומען אז איך וועל זאגן אז דער הבל פון דער מצח הנחש איז יונק פון די ציונים צו חלילה פון די קאמוניסטן? וואס וועט מיר ארויסקומען דערפון?! עס קומט אויס אז פון מיר האט ער נישט קיין שום יניקה (נאר) פון זיי... דאס איז דאך נישט אונזער זאך ( - לומר שרק

להוסיף בו קדושה ודעת, כמו שכתוב (בראשית א): "ויקרא אלקים לאור יום" שכל יום צריך שיאיר ביותר כנ"ל. **אבל כשהזקנים, המאריכי ימים שבדור, פוגמים את ימיהם ואין מוסיפין אור קדושה ודעת בכל יום ויום, מזה יונק מצח הנחש, חכמת הטבע** הנ"ל, (כי מנפילת הימים של הזקנים, אשר אין דעתם מתיישבת כנ"ל, מפגם הדעת הזה של אלו הזקנים יונק מצח הנחש, שהוא חכמת הטבע) ומתגבר, חס ושלום, דעת חכמת הטבע, שכופרים ברצון על ידי נפילת הדעת והימים, שנופלים מהזקנים המאריכי ימים שאינם כראוי כנ"ל. וזהו בחינת (איוב י"ד) **"קצר ימים שבע רגז"** היינו שתי הבחינות הנ"ל. 'קצר ימים' זה בחינת הזקנים שאינם כראוי, שאין מוסיפין קדושה ודעת בכל יום, שזהו עיקר הזקנה והאריכות ימים כנ"ל, וכשהזקנים פוגמים את ימיהם ואין מאריכין את ימיהם בקדושה ודעת כנ"ל, זה בחינת "קצר ימים", ומזה יונק מצח הנחש, שהוא הפך מצח הרצון, וזהו: "שבע רגז" הפך הרצון כנ"ל. **אבל כשהזקנים כראוי, בחינת: 'זקן זה קנה חכמה' וכו' כנ"ל, על ידי זה מתגבר התגלות הרצון**".

[טו] וזל"ש באות א': **"צריך כל אדם לומר: כל העולם לא נברא אלא בשבילי** (סנהדרין לז.). **נמצא כשהעולם נברא בשבילי, צריך אני לראות ולעיין בכל עת בתיקון העולם. ולמלאות חסרון העולם, ולהתפלל בעבורם"**.

מהם יונק המצה הנחש). **איך דארף זאגן: "בשבילי נברא העולם" - אז 'איך' זאל אים נישט געבן קיין יניקה!**

דער רבי זאגט אזעלכע ווערטער: אז מען ווערט עלטער מיט 'טעג' און עס ווערט נישט נתוסף 'קדושה ודעת', האט ער א יניקה פון מיר. דער בעל דבר האט טאקע פון יענעם מער יניקה, אבער ער האט דאך פון מיר 'אויך' א יניקה.

דאס איז דער ענין פון ישוב הדעת - מען זאל זיך מיישב זיין! דער מצח הנחש איז דאך א געוואלד! א זקן אז ער האט עטליכע און ניינציג יאר - אבער וויפיל טעג האט ער? וויפיל טעג האט ער וואס איז דא דארטן תוספות קדושה ודעת?![טז]

❖

## "מען דארף נישט מער ווי אביסל שיין לעבן!"

היינט לערנט מען די הלכה (בליקוטי הלכות) פון "הלכות תפילין הלכה ה'". זאגט רבי נתן אויך דארטן: עס קען זיין איינער זאל האבן אריכות ימים - און געציילטע טעג זאל ער האבן... ווייל פון די שעה'ן אין טאג האט ער נאר איין רגע[יז]. דערפאר טאקע, לעתיד וועט דאס זיין א געלעכטער.

---

[טז] עי' בליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ו, אות כ"ה: "וזה 'תכון תפלתי קטרת לפניך משאת כפי מנחת ערב'. שעיקר התפילה היא בבחינת 'מנחת ערב' בחינת 'תפלה לעני', **שזהו בחינת התבודדות ושיחה בינו לבין קונו בחינת ולפני ה' ישפוך שיחו**. שבעֵת שרואה שהאור הולך להסתלק שזהו בחינת בין הערביים, אז צריך להתגבר בתפילה ושיחה בבחינת 'ויצא יצחק לשוח בשדה'. וישפך לבו כמים לפני ה' בטרם יעבור יום. בבחינת 'אוי לנו כי פנה היום כי ינטו צללי ערב' (ירמיה ו). **מכל שכן כשהאדם רואה שכבר עברו הרבה מימיו ומכל שכן מי שעברו רוב ימיו והיום מתחיל לערב**, כי לא ידע האדם את עתו וימינו כצל עובר, שצריך לקיים וזכר את בוראיך וכו' עד אשר לא תחשך השמש והאור וכו'".

[יז] עיי"ש באריכות. והנה לפניך מש"ש בא"ד, אות כ', וזל"ש: "אם אינו מחדש חיותו בכל עת אינו חי שבעים שנים, כי עיקר החיות הוא עבודת הבורא יתברך, כי הוא חייך. וכשאינו מוסיף קדשה ודעת בכל יום הוא קצר ימים. **ומי יודע אם יעלו כל שבעים שנותיו ליום אחד**. ועל כן הרשעים גמורים שאינם מקיימין את התורה לגמרי נקראים בחייהם מתים, כי בוודאי הם מתים ממש, מאחר שאינם מקיימין את התורה שהיא

דער רבי זאגט ביי דער ערשטער מעשה פון די "ז' בעטלערס"[יח], אז דער זכרון פון דעם עלטסטן זקן איז געווען שוואכער ווי דעם אנדערנס - און גאר דער יונגסטער האט מער גערענקט. דאס איז דאך ממש א געלעכטער - 'ער' איז א ניינציגער, און 'ער' איז א צוואנציגער - און ער האט מער טעג, ער האט מער טוב. טאקע "אָז ימלא שחוק פינו".

דער רבי זאגט[יט]: "אביסל געלעבט און שיין געלעבט!". נו, דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן האבן אריכות ימים טאקע, מען זאל מאריך ימים זיין. אבער מען דארף וויסן, דער רבי זאגט דאך אז דער עיקר 'אריכות ימים' הייסט אז עס ווערט נתוסף קדושה ודעת. און דער היפך פון 'הארת הרצון' הייסט "קצר ימים", קורצע טעג.

❖

## פארקאטשעט די פּאָלעס

בשעת דער רבי האט גערעדט וועגן דער מדינה פון עשירות ביי דער מעשה פון 'בעל תפילה' - ווי אזוי זיי האבן זיך דארטן געפירט, אז דער עיקר חשיבות ביי זיי איז נאר געווען 'געלט', און דער 'כבוד' איז נאר געווען 'געלט'. דער וואס האט מער געלט האט מער כבוד, און דער (וואס האט ווייניג געלט) - דער איז א חיה'לע, זיי האבן

---

עיקר החיים באמת, כמו שכתוב, "כי הוא חייך". ואפילו מי שעובד את ה' קצת אינו נמנה בימי חייו כי אם כפי מעט העבודה ומעשים טובים שזכה לעשות בחייו. ועל כן יכול להיות שכל חיותו לא יעלה כי אם יום אחד".

[יח] מעשה י"ג מספה"ק סיפורי מעשיות, עיי"ש.

[יט] עי' חיי מוהר"ן, אות תקע"ו: "יכול להיות שימות אחד בן שמונים שנה ואף על פי כן מת בקיצור ימים לגמרי, כלומר מאחר שלא היטיב מעשיו בוודאי כל שנותיו הבל. **אין צריכין רק לחיות אפילו מעט, רק שיהיה יפה ונאה** (מע דארף מיין ניט נאר אביסל שיין לעבין)".

איינגעשפאנט עטליכע מלאכים[כ]... האבן אונזערע לייט א שמייכל געטוהן. (ענה רבינו ואמר:) **"איר לאכט? איר לאכט? איך זאל אייך זאגן איין סברא פון זייערע סברות - וואלט איר פארקאטשעט** (די פּאָלעס - שולי הבגד) **און נאכגעלאפן זיי!"**[כא].

קומט דאך אוים עפעס, אז דער רבי דערציילט א זאך דערציילט ער נישט א מעשה פון עפעס (סתם) משוגעים. דער רבי זאגט טאקע, אז זיי פלעגן נעמען א חיה'לע און מקריב זיין פאר א קרבן. מען האט געמאכט גאט'ן, שטערן'ס, איינגעשפאנט עטליכע מלאכים. ווער זענען זיי געווען?! - מאך זיך א חשבון: 'צו בין איך נישט פון דער מדינה?!'... מאך זיך א חשבון: איך האב פאר מיר דא א טאג וואס אין 'דעם' טאג האב איך זייער ממעט געווען אין תורה ותפילה, איך האב

---

[כ] עיי"ש בתוכן המעשה: "הָאבִּין זֵיי דִי סוֹחְרִים זֵייעֶרֶע אֵיין עֵצָה גִיגִיבְּן. בַּאֲשֶׁר. זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען אִין אַ מְדִינָה. וָואס דִי גַאנְצֶע מְדִינָה זֶענֶען אַלֶע גָאטִין. אוּן פָאִרין מִיט מַלְאָכִים. דְהַיינוּ יֶענֶע מְדִינָה אִיז דִי גַאנְצֶע מְדִינָה. פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס זֶענֶען אַלֶע ווִילְד גְרוֹיסֶע עַשִׁירִים זֵייעֶר. בִּיז דֶער קְלֶענְצְטֶער פוּן דֶער מְדִינָה אִיז אַ גָאט (וֶועדְלִיג זֵייעֶר נַארִישׁ פַאר פִירְטְקֵייט. וָוארִין דֶער קְלֶענְצְטֶער פוּן דֶער מְדִינָה אִיז אַזוֹי אֵיין עוֹשֶׁר אוּן הָאט אַזוֹי פִיל גֶעלְט. ווִיפִיל בַּיי זֵיי אִיז אוֹיס גִיזֶעצְט אַז מִיט אַזוֹי פִיל גֶעלְט אִיז מֶען שׁוֹין אַ גָאט כַּנַּ"ל) **אוּן זֵיי פָארִין מִיט מַלְאָכִים. וָוארִין זֵייעֶרֶע פֶערְד זֶענֶען צוּ גִידֶעקְט מִיט אַזוֹי אַ גְרוֹיס עַשִׁירוּת מִיט גָאלְד אוּן נָאךְ אַזוֹי אַ גְלַייכִין. וָואס אַ דֶעק פוּן אַ פֶערְד** (פוּן דֶער מְדִינָה) **טְרֶעפְט אָן ווִיפִיל בַּיי זֵיי הָאט אַ מַלְאַךְ.** (דְהַיינוּ מִיט אַזוֹי פִיל גֶעלְט ווִי אַ דֶעק פוּן אַ פֶערְד טְרֶעפְט אָן בַּיי דֶער מְדִינָה. אִיז מֶען בַּיי זֵיי שׁוֹין מִיט אַזוֹי פִיל גֶעלְט אַ מַלְאַךְ) **נִמְצָא פָארִין זֵיי מִיט מַלְאָכִים. זֵיי שְׁפַּאנֶען אֵיין דְרַיי פָּאר מַלְאָכִים אוּן פָארִין מִיט זֵיי.** בְּכֵן בַּאדַארְפְט אִיר שִׁיקִין צוּ דֶער מְדִינָה. אוּן זֵיי וֶועלִין אַייךְ בְּוַודַאי הֶעלְפִין וָוארִין זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֶע גָאטִין. (אַזוֹי אִיז אַלְץ גִיוֶוען דִי עֵצָה פוּן זֵייעֶרֶע סוֹחְרִים) אִיז דִי עֵצָה זֵיי זֵייעֶר גִיפֶעלִין. וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִיגְלֵייבְּט. אַז זֵיי וֶועלִין בְּוַודַאי גִיהָאלְפִין וֶוערְן דוּרְךְ יֶענֶער מְדִינָה. וָוארִין זֵיי זֶענֶען זִיךְ דָארְט אַלֶע גָאטִין כַּנַּ"ל..."

[כא] עי' גמ' סנהדרין דף ק"ב ע"ב: "רב אשי אוקי אשלושה מלכים, אמר: למחר נפתח בחברין. אתא מנשה איתחזי ליה בחלמיה וכו', אמר ליה: מאחר דחכימתו כולי האי מאי טעמא קא פלחיתו לעבודה זרה? אמר ליה: **אי הוות התם – הוות נקיטנא בשיפולי גלימא ורהטת אבתראי**". עי' גם בשיחות הר"ן אות ס': **"וע"כ יש דברים שאסור לגלות אותם, כי אם היה מגלה אותם היו יכולים לבוא מזה בדורות אחרונים לעבודות זרות"** וכו' עיי"ש. ובליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ל"ב: **"כי יש הרבה ספרי מינין, שאם היו, חס ושלום, מתפשטין בעולם, לא היה אפשר כלל להתקרב להשם יתברך**. כי ירבעם בן נבט, שעשה שני עגלי זהב ואמר: "הנה אלקיך ישראל" וכו' (מלכים א י"ב), והטעה כל ישראל אחריהם היעלה על הדעת, שהטעה עם רב בשטות כזה לעבוד עגלים, אך בודאי היה בזה חכמות גדולות מאד מאד של אפיקורסות **ואם היה, ח"ו ח"ו, רח"ל, נמצא עתה דף אחד מספרים הללו, חס ושלום, היו מתרחקים מאד מהשם יתברך, ולא היה אפשר להתקרב אליו יתברך כלל**. ובשביל זה הוא טובה מה שנתעלמין ונשרפין הספרים הקדושים הנ"ל", וכו' עיי"ש.

ארויסגעכאפט ווינציג טוב אין דעם טאג, אבער אין דעם טאג האב איך מצליח געווען - איך בין געגאנגען אינדרויסן און איך האב פארדינט א מיליאן דאלער, א פארמעג, בין איך אוודאי פרייליך. צומארגנ'ס, ווייטער, האב איך ארויסגעכאפט אסאך תורה ותפילה - געדאוונט און געלערנט, אבער איך האב אנגעוואוירן געלט, איך האב געהאט א שאדן. - וועלכער טאג איז ביי מיר א חשובער'ער טאג? - דער טאג וואס איך האב מצליח געווען מיט א מיליאן דאלארן, צו דער טאג וואס איך האב מצליח געווען מער מיט תורה ותפילה און מער געהיט דעם טאג? לאמיר וויסן, וועל איך וויסן וועלכעס איז אינגאנצן מיין כבוד און אינגאנצן מיין חיות און וועלכעס עס הייסט ביי מיר א בעסערער טאג אין וואס איך בין מער פרייליך.

ווען מען האט טאקע געזאגט פאר רבי נתן'ען: "איי איי, רבי נחמן רבי יודל'ס איז א רחמנות - ער איז א קראנקער מענטש, אַן ארעמאן, מיט א שלעכט ווייב". מען האט געהאט אויף אים רחמנות. רבי נתן האט אים געדארפט תומך זיין. האט רבי נתן געזאגט: "אויף אים קרעכצעסטו? אויף אים קרעכצעסטו?" - ער האט אנגעהויבן אויסצורעכענען זיינע עבודות וואס ער דינט דעם אויבערשטן (אויסלאזנדיג:) "און דערצו איז ער נאך א קראנקער מענטש, און דערצו האט ער א שלעכט ווייב אויך - וועט ער אוודאי נישט זיין קיין 'רואה פני גיהנום'. קרעכצן זאלסטו קרעכצן אויף דעם גביר [- ער האט אנגעכאפט דער נאמען פון דעם גביר] וואס ער עסט אפּ די סעודת הצהריים און לייגט זיך צו שלאפן און עס טוהט זיך מיט אים וואס ער ווייסט וואס מיט אים טוהט זיך - אויף אים זאלסטו קרעכצן!".

קומט דאך אויס, אז די צדיקים האבן דאך אַן אנדערן קוק וועלכעס עס איז אַן הצלחה און ווען איך דארף מקנא זיין און אויף וועמען דארף איך קרעכצן!

**דער רבי זאגט[כב]: "דער עיקר רחמנות איז נאר - ארייגעבן אין יענעם דעת". אויב ער האט נישט קיין דעת - וואס קומט ארויס?! אז מען ענגט גאר אָן אויף א בהמה א גאלדענעם נאָז באַנד איז דאס "נזם זהב באף חזיר"[כג]. אז איינער איז א גביר אָן דעת איז ער אזוי ווי א גאלדענער נאז באנד וואס ענגט 'באף חזיר'. וואו גייט דער חזיר? אין אלע מיסטן, און דארטן שמירט ער אוים דעם 'נזם זהב'.** (העיקר) **ווי קוקט ער אוים מיט דעם נזם זהב? ווי האלט ער אים??!**

**אז מיר ווען זיך מאכן דעם חשבון, וועלן מיר זעהן, אפשר האבן מיר אויך א שייכות מיט דער מדינה** (של עשירות)**. וועלכעס איז מיר מיין כבוד? וועלכעס איז מיר מיין חשיבות? וועלכעס הייסט ביי מיר א טאג? וועלכעס הייסט ביי מיר אז איך האב מצליח געווען? מאכן א גוטן ישוב הדעת! מען דארף נישט אראפפאלן דערפון, אבער על-כל-פנים, איך זאל כאטש וויסן וועלכעס עס הייסט א טאג און וואס דארף איך וועלן דעם טאג.**

❖

[כב] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז', אות ג': "כי **עיקר הרחמנות הוא כשישראל עם קדוש נופלין, חס ושלום, בעוונות, רחמנא לצלן, כי זהו הרחמנות הגדול מכל מיני רחמנות**. כי כל היסורים הקשים שבעולם אינם נחשבים כלל כנגד המשאוי הכבד של עוונות, חס ושלום. כי כשישראל נופלים בעוונות, חס ושלום, זהו משאוי כבד מאד, שאי אפשר לשא כלל המשאוי הכבד הזה, בבחינת: "כמשא כבד יכבדו ממני" (תהלים ל"ח). כי מי שיודע קדושת ישראל מאין הם לקוחים, ויודע רוחניות ודקות של ישראל הוא יודע, שישראל הם רחוקים לגמרי מעוון, ואין עוון שייך להם כלל כלל לא, לפי גודל קדושתם משרשם וגודל דקותם ורוחניותם. ועל **כן כל היסורים שבעולם אינם נחשבים למשאוי כנגד המשאוי הכבד של עוונות, חס ושלום, רחמנא לצלן**. ואפילו כשיש לאדם יסורים, אם אין בהם עוונות, אינם נחשבים ליסורים כלל. וזה בחינת (שבת נ"ה): 'אין יסורין בלא עון'. שכשאין בהם עוון, אינם יסורים כלל, כי עיקר היסורים הם רק כשנופלים בעוונות, חס ושלום, וזהו עיקר הרחמנות, לרחם על ישראל עם קדוש, להוציאם מהמשאוי הכבד של עוונות ...ובאמת מהיכן באים לעוונות, חס ושלום? הוא רק על ידי שאין לו דעת, כי 'אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות' (סוטה ג), **וזהו הרחמנות הגדול מן הכל, שצריכין לרחם עליו להכניס בו דעת**, בבחינת (תהלים מ"א): "אשרי משכיל אל דל" כי 'אין עני אלא מן הדעת' (נדרים מ"א), וצריכין לרחם עליו, להכניס בו דעת". גם עי' בשיחות הר"ן אות כ"ג "**הרחמנות של העולם הזה הכל רואין**" וכו' עיי"ש.

[כג] משלי יא, כג.

# דריי יאר פארשיקט אין אומאן

עס איז דא אַן הלכה[כד] וואו רבי נתן רעדט דארטן פון דער מעשה[כה] ווי "דער טאג געזעגנט זיך מיט שירים און מיט חידות". עס איז געווען אמאל וואס מיר האבן געלערנט אין אומאן דער הלכה, און עס איז אויסגעקומען אז עס איז געווען ממש צווישן טאג און נאכט. איז איינער געווען דארטן - ר' דוד הייסינער[כו], א נייער מקורב, א בעל תשובה.

- ער איז געווען אין מאסקאווע, ער האט געהאנדלט דארטן (אויפן שווארצן מארק), און מען האט אים געכאפט און איינגעזעצט און מען האט אים גע'משפט אויף דריי יאר (גלות). דאס הייסט, ער קען זיך אויסקליבן וואו ער וויל, און דריי יאר זאל ער זיין אין דער פלאץ, און דארטן דארף ער זיך אלע טאג קומען מעלדן צו די נ.ק.וו.ד.

האט מען אים געפרעגט 'וואו ער וויל זיין'. האט ער זיך אויסגעקליבן 'אומאן'. ער האט געוואוינט אין הייסין. הייסין איז נישט ווייט פון אומאן. ר' אבא[כז] איז דעמאלט געווען אין מאסקאווע. ר' אבא איז געווען א פלומעניק פון רבי אברהם רבי נחמן'ס. (ואמר לו:) "קלייב זיך אויס אומאן". האט ער זיך אויסגעקליבן אומאן.

---

[כד] הל' מלמדים ה"ד, בסופו, ועיי"ש באות י"ב, וזל"ש: "'לעשות משפט עבדו ומשפט עמו ישראל דבר יום ביומו'. 'דבר יום ביומו' דייקא, הינו כנ"ל. לכוון המשפט לקשר עצמו להנקודה השייכה ללבו **באותו היום** כנ"ל, כי שם בפסוק הזה מדבר מתפלה ושיחה שמדברים בינו לבין קונו. כמו שכתוב שם בתחילת הפסוק, 'ויהיו דברי אלה אשר התחננתי לפני ה' קרבים אל ה' אלקינו יומם ולילה לעשות משפט עבדו' וכו'. 'דבר יום ביומו', היינו כנ"ל. **שכל הדיבורים והתחינות שמתחננים לפני ה' יתברך יהיו בבחינת משפט דבר יום ביומו לקשר עצמו בכל עת להנקודה השיך ללבו באותו היום** כנ"ל. גם עייעו"ש בהל' אונאה ה"ב, אות ג' ד'.

[כה] מעשה י"ג, בסיפורי מעשיות, מהז' בעטלירס - יום ג', עיי"ש.

[כו] עיין עוד אודותיו ב'טעם זקנים' קונטרס כ"ה.

[כז] לישינסקי ז"ל ב"ר יחיאל, חתן ר' נחמן טולטשינער.

ער איז געווען א וועלטס יונגערמאן. און אז ער איז געקומען קיין אומאן, איז דא אסאך זאכן וואס צו קוקן - עס איז דא א טיאַטער (להבדיל), און עס איז דא אויך א ברסלב'ער קלויז וואו 'משוגעים טאנצן און שפרינגען'... ווער עס איז געקומען האט געוואוסט אויך צו באזוכן די ברסלב'ער שול...

ער איז אריינגעקומען אין דער ברסלב'ער שול. אבער אים האט דער אויבערשטער עפעס געהאלפן אז ער האט געזעהן די פאר משוגעים, און עס איז אים אביסעלע אריינגעגאנגען (אין הארץ) אז עס איז נישט קיין פראסטע משוגעים דארטן, און ער האט אנגעהויבן צוקומען צו אונז. ר' יענקל זיטאמער האט אנגעהויבן זיך צו חבר'ן מיט אים, און ער האט אנגעהויבן זיך אביסעלע צוקלעבן צו אונז.

איצטער איז געווען אזוי, אז ער איז דאך געווען דריי יאר פארשיקט אין אומאן איז ער געווארן (בתוך כך) אַן אמת'ער בעל תשובה, א יונגערמאן מיט אלעם. עס איז דא אסאך צו רעדן וואס דער ר' דוד האט געטוהן פאר אונזערע מענטשן[כח], ער האט זיך מקריב געווען פאר אונז. אין די דריי יאר האט ער גארנישט געטארט האנדלען, ער האט געמוזט זיין דארטן און זיך מעלדן אלע טאג אין די נ.ק.וו.ד. אבער נאך דעם האט ער ארויסגענומען די ווייב און קינדער און ער האט שוין געוואוינט דארטן אין אומאן.

[כח] עי' 'טעם זקנים' שם: ער איז שוין א גרויסער ערליכער איד געווארן! אה, ער פלעגט גיין אין פעלד אריין און אויסגיסן טייכן טרערן! ער פלעגט צוגרייטן פאר די אלע וואס פלעגן גיין אין פעלד - ער האט געהאנדלט מיט שיך - ער האט יעדן געמאכט א 'פעלץ', ער האט צוגעגרייט פעלצן, ער האט צוגעגרייט גרויסע שטיוול, מיט די ווארעמע הוטן - ער האט דאס צוגעגרייט! נאכ'ן ווינטער האט ער עס גענומען קריק און פארבאהאלטן, אז מען זאל האבן אויף דעם אנדערן ווינטער - יעדער זאל האבן א פעלץ מיט א הוט. דארט אין רוסלאנד - די 'פרעסט'. גוטע שיך, שטיוול גרויסע, האט ער צוגעגרייט! דאס איז דעם רבי'נס זאך! ער האט זיך צוגעריכט! ער איז געוואויר געווארן דאס גרויסקייט פון תפילה, איז ער ארויף צום רבי'ן אויפ'ן ציון און אראפגעקומען מיט געשוואלענע אויגן 'אלע טאג'! ער האט געהאט אויף וואס צו וויינען - ער איז דאך פריער געווען זייער פריי, אבער ער איז געווען א בעל תשובה! א בעל תשובה! צום סוף איז אים שוין געוואקסן א בארד! אבער ער איז נעבעך גע'הרג'עט געווארן ביי היטלער'ן, ער מיט די קינדער זענען נעבעך גע'הרג'עט געווארן, אבער ער איז גע'הרג'עט געווארן אלס ערליכער איד, א 'בעל תשובה'!

(ר' חיים שלמה ראטענבערג: פריער איז ער געווען אליין אין אומאן?) זיי האבן נישט געדארפט וויסן אז ער האט די משפחה. ער איז געווען אזוי אפגעזונדערט, ווייל אז נישט הייסט דאס אז ער איז אינדערהיים - ער האט נישט געטארט זיין אינדערהיים; אפילו ער האט יא געהאט די משפחה האבן זיי נישט געטארט וויסן. ער האט זיך געדארפט מעלדן, און זיי פלעגן אים נאכקוקן וואו איז זיין פלאץ, וואו גייט ער, וואו איז ער, צו וועמען רעדט ער, ער איז געווען א געבינדענער צו זיי.

דער אויבערשטער האט אים געהאלפן, ער איז געווארן אַן אמת'ער בעל תשובה. ער פלעגט ארויפגיין צום רבי'ן אויפן ציון - דאס איז דאך דער ערי מקלט, און דארט האט ער זיך (אויסגעגעבן) אז ער איז אוועקגעגאנגען מיט געשוואלענע אויגן! ער איז געווארן אַן אמת'ער בעל תשובה.

- (חוזר לתחילת הענין) איז ער געשטאנען פונקט ווען מען האט געלערנט דער הלכה - ווי 'דער טאג געזעגנט זיך מיט דער נאכט און עס גייט אוועק מיט חידות און שירות'. האט ער דאס פונקט געהערט. מען האט דעמאלט געלערנט ווי אזוי מען דארף צוהאלטן דעם טאג איידער ער גייט אוועק - מיט 'נאך עפעס', מיט 'נאך עפעס'! - דער טאג גייט דאך אוועק, לאמיר נאך עפעס אריינלייגן אין דעם טאג וואס איך קען, לאמיר עפעס אריינלייגן א דבַר צדקה אינעם טאג, נאך עפעס א משנה אין משניות - נאך עפעס. האט ער זיך אויפגעהויבן און איז ארומגעגאנגען און געגעבן אלעמען צדקה, אלע ארעמעלייט. האט מען געזעהן ער האט דערהערט!

אז דער טאג ענדיגט זיך האט ער געוואלט נאך עפעס אריינלייגן אין דעם טאג אריין. ער האט זיך געגעבן א שטעל-אויף אזוי ווי איינער וואס כאפט זיך: "דער טאג ווערט דאך שוין באלד אויס, דער טאג ענדיגט זיך שוין!...".

❖

# ר' יוסף יונה געזעגנט זיך שוין

ר' אברהם שטערנהארץ האט דערציילט אויף זיין שווער ר' יוסף יונה (בנו הצעיר של מוהרנ"ת). ער איז געווען א געוואלדיגער תמים, ער האט געהאט אין זיך די תמימות פון רבי נתן'ען[כט], א געוואלדיגער תמים איז ער געווען. מען האט געוואוסט אז ער האט אזוי געהיט דער רגע. ווען עס איז געווארן דער טאג בין מנחה למעריב (היה אומר): **"איי, מיט וואס איז אוועקגעגאנגען דער טאג? וואס האב איך געטוהן דעם טאג? מיט וואס איז אוועקגעגאנגען דער טאג?"**. מען האט שוין געוואוסט **אז ר' יוסף יונה מאכט שוין א געזעגנקייט, ער געזעגנט זיך שוין מיטן טאג! עס גייט אוועק דער טאג און עס קומט אַן אנדער טאג!** - עפעס אזוי איז געווען תמיד[ל]. (ר' נחמן בורשטיין: דאכט זיך, אז ער האט זיך געשטעלט ביים פענסטער!).

❖

---

[כט] עי' שיש"ק (חדש) ח"ב, תקע"ד.

[ל] עי' בעלים לתרופה מכתב מיום ד' לך לך תקצ"ד, שמסיים שם בסופו בזה"ל: "**וזמן המנחה הגיע**, וגם השליח בא עתה לביתי, והיום חולף ועובר **אוּן סֶע גֶיזֶעגִינְט זִיךְ דָאס הַארְץ מִיט דֶעם קְוַואל אוּן דֶער קְוַואל מִיט דֶעם הַארְץ מִיט אַזוֹנֵי שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת וְכוּ'**, אוּן הָאט גֵייט אַוֶועק דֶער טָאג וֶועט חַס וְשָׁלוֹם דָאס הַארְץ וְכוּ' וְכוּ', דֶער וַוייל קוּמְט דֶער גְרוֹסֶער מַאן דֶער אֶמֶתֶער אִישׁ חֶסֶד אוּן שֵׁיינְקְט אַטָאג דֶעם הַארְץ וְכוּ', אַז ווֹאוֹל דִי אוֹיעֶרִין וָואס הֶערִין אַזוֹנְס אֲפִלּוּ הַיינְט. אוּן זֶענִין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוָואהרֶען, אַזוֹי מִיר בַּדַארְפִין אוֹיךְ בְּוַדַּאי בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דֶער מִיט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ זַיין. אֲפִלּוּ אִין דֶער בְּלָאטִיע בְּגַשְׁמִיּוּת וְרוּחָנִיּוּת, אף על פי כן בתוך רפש וטיט היון כזה ומצולות ים כאלה שנתפשט עכשיו בעולם בעוונותינו הרבים בעקבות משיחא זכינו לשמע נוראות כאלה פלאות כאלה נפלאות נפלאות. **ואם נאמר פלאי פלאות רבבות פעמים לא יספיק על תיבה אחת מזאת המעשה הנוראה שלא נשמע כזאת מימות עולם** און טאקי פארט אשרינו אשרינו וכו'". גם עי' ברמזי מעשיות להרב מטשעהרין ע"פ מעשה זו, וז"ל: "**כשמגיע היום להיות נגמר ונפסק** (שאז הוא זמן תפלת מנחה וערבית) **אז צריך האדם להתעורר בהתעוררת גדול** ולהזכיר א"ע איך שהלב של העולם והמעיין (שעל ידם עיקר קיום העולם) מתחילים ליטול רשות זמ"ז (שקורין **גיזעגינען זיך**) ואומרים חידות ושירים נפלאים זה לזה באהבה רבה והשתוקקת גדול מאד, בכן צריך גם הוא להשתתף עצמו עמהם, ולהתעורר אז בהשתוקקת וכיסופין גדולים להשי"ת ולהתפלל בדביקות גדול כי הבריאה של כלל זה היום כבר נגמר ונפסק ומי יודע מה יולד יום וכמובן בפנים, וכן אח"כ צריך להכין עצמו לקבל קדושת הבריאה החדשה של יום הבא, ולהזכיר א"ע היטב, שכל יום ויום כשהוא הולך ממקום שבא משם אז הוא הולך בחידות ושירים נפלאים מאד שיש בהם כל החכמות ויש שינויים בין הימים כי כל יום משונה מחבירו בפרט הימים המקודשים שהם שבת ור"ח ויו"ט, בכן צריך האדם לשתף

# גוט דאס דערהערט

האט מען געזעהן ווי דער יונגערמאן (ר' דוד הייסינער) האט זיך צוגעהערט צו דער הלכה וואס מען לערנט. ער האט זיך שוין אויפגעהויבן און האט נישט אפגעלאזט, ער האט צוגעהאלטן דעם טאג – 'לאמיר עפעס אריינווארפן אין דעם טאג אריין נאך איידער עס ווערט נאכט'. אונזערע לייט האבן גאר עפעס דערהערט א דיבור...

אז דער אויבערשטער העלפט איז "וישמע יתרו". "מה שמועה שמע" – וואס האט ער געהערט? ער האט געהערט 'קריאת ים-סוף' ו'מלחמת עמלק'. איי, די גאנצע וועלט האט דאך געהערט - פארוואס האט זיך נישט קיינער מגייר געווען נאר יתרו האט זיך מגייר געווען? פון די אלע פעלקער האט זיך קיינער נישט מגייר געווען! [עס שטייט[לא] אז מען האט אים מנדה געווען, מען האט אים געלייגט אין חרם אריין - די מדְיָנים, זיי האבן זיך אפגעשיידט פון אים, זיי האבן אים אנגעטוהן געוואלדיגע צרות]. נאר ווייל יתרו האט דערהערט[לב]. ווען מען לערנט עפעס א זאך

עצמו ג"כ לזה ולהתפלל בכל יום ולומר לפניו ית' שירים ותשבחות וכו' בחשק חדש והתלהבות דקדושה מאד ובמוחין חדשים לגמרי ולקשר עצמו ולהמשיך על עצמו זכות וכח העוסק בזה לקבץ החסדים של אמת ולהביאם לאיש חסד האמת שעי"ז עיקר התהוות הזמן והחידות והשירים והחכמות הנ"ל וכן עיקר קיום וחיות המעין והלב וכל העולם כולו כמב"פ). **וממילא מובן מזה** בפרט כשמגיע השנה להיות נגמרת ונפסקת, היינו **בחודש האחרון** של השנה הוא **חודש אלול שאז הם ימי רצון וכיסופים דקדושה בוודאי צריך להזכיר א"ע בכל הנ"ל ולהתעורר אז ביותר בכיסופין גדולים להשי"ת** ולהכין עצמו לקבל קדושת הבריאה החדשה של שנה הבאה ולהזכיר א"ע ביום ר"ה הקדוש שהולך יום קדוש כזה ממקום שבא משם בחידות ושירים נפלאים מאד בכן צריך האדם אז לשתף עצמו ג"כ לזה ולהתפלל אז בחשק חדש והתלהבות דקדושה ולהמשיך על עצמו זכות וכח האיש חסד האמת הגדול במעלה מאד בפרט זכות וכח העוסק לקבץ החסדים של אמת שעי"ז עיקר קיום העולם והבריאה כולה שנברא אז כמ"ש זה היום התחלת מעשיך וכנ"ל".

[לא] עי' רש"י שמות ב, טז.

[לב] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ז, בא"ד: "וכמובא על פסוק "וישמע יתרו": **'והלא כל העולם שמעו? אלא יתרו שמע' וכו'** (זוהר יתרו דף סח). **כי רק שמיעת יתרו נחשב לשמיעה, שנכנס באזניו, ושמיעת כל העולם אינו נחשב שמיעה כלל"** עיי"ש, וכו'.

צו מען רעדט א דיבור און דער אויבערשטער העלפט אז מען דערהערט דאס - - עס זאל זיין "וישמע", איך זאל דערהערן דעם דיבור, איך זאל זיך צוהערן. 'דער' הערט, און 'דער' הערט.

דאס אייגענע ביים דאווענען אויך: אז דער אויבערשטער העלפט אז מען הערט זיך צו וואס מען דאוונט איז עס טאקע געהערט! עס גייט אריין אין הארץ! דער רבי זאגט טאקע דארט אין דער תורה "ושמועה טובה תדשן עצם"[לג], אז די 'שמועה טובה' וואס מען הערט זיך איין (די דיבורי התפילה) דאס מאכט די עצמות "בבחינת 'כל עצמותי תאמרנה'" - אלעביינער דאווענען. ווי קען זיין אז אלע ביינער זאלן דאווענען? [- דארטן רעדט דער רבי - דורך 'שמירת הברית'!] 'שמועה טובה' – אז מען הערט זיך גוט איין! עס איז אלץ תלוי אין דעם 'זיך גוט איינהערן' - סיי ביי זיך אליין, און סיי ווען יענער רעדט עפעס א דיבור; ווען מען לערנט דעם צדיק'ס א דיבור זאל מען זיך גוט איינהערן. דאס (דערהערן) איז אלץ תלוי אין דער זאך וואס דער רבי האט מודיע געווען אז מען זאל זיך מיישב זיין פאר דעם אויבערשטן! האבן א ישוב הדעת! דאס ישוב הדעת מאכט אים דאך אזוי לעכטיג!

❖

## "והכינו את אשר יביאו"

דאס ענין פון התבודדות איז דאך אויך דאס אייגענע: דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל בײ זיך מאכן א סדר 'וואס דאס הייסט התבודדות'!. (לפעמים) 'ער

---

[לג] ליקוטי מוהר"ן סי' נ', וזל"ש: "וכשמתפלל וטועם מתיקות בדיבורי התפילה, זאת הבחינה נקראת "**כל עצמותי תאמרנה**". ואין יכול לטעום מתיקות בתפילה, אלא כשתיקן פגם הברית. כי מיין מתיקין, זה בחינת מיין דדכין. זרע קודש. שמירת הברית. ומי שהוא בבחינת מיין מתיקין, אזי דיבוריו מתוקים וטובים. וכשיוצאים מפיו ומשמיע לאזניו, כמו שאמרו (ברכות ט"ו): 'השמע לאזנך' וכו', אזי נכנסים מתיקות המַיִן לתוך עצמותיו, בבחינת (משלי ט"ו): "**ושמועה טובה תדשן עצם**". וכשעצמות מרגישין מתיקות הדבורים, זה בחינת: "כל עצמותי תאמרנה". ואז אריה נחית ואכל קורבניה, כי עצם זה בחינת אריה (כמו שכתוב בתיקונים תקון ג' בהי"א תקונים האחרונים). אבל מי שפגם בבריתו, הוא בבחינת מיין מרירין, בבחינת (שמות ט"ו): "ולא יכלו לשתות מים ממרה. מיין מסאבין, זרע טמא. אזי אין יכול להתפלל בבחינת: "כל עצמותי תאמרנה". ואז כלבא נחית, שהוא בחינת מיין מרירין, שצווח הב הב".

האט שוין דארטן זיין לידל אויסגעשטעלט, ער קוקט אויפן זייגער צו ער איז שוין פערטיג... ער האט שוין אפגעטוהן' - גוט איז דאס, אבער דער עיקר איז דאך - 'התחדשות', זיך באנייען![לד] אלץ וואס עס גייט אויף מיר איבער – 'פארן דאווענען און אינמיטן דאווענען און נאכן דאווענען, פארן שלאפן און נאכן שלאפן - מען דארף דאך געבן א חשבון פונעם טאג - וואס און ווען', אויב נישט האט ער גארנישט וואס צו רעדן נאר ער קוקט שוין ארויס אז עס זאל זיך שוין ענדיגן די שעה... אבער אז ער וועט נעמען דעם אופן, האט ער דאך וואס צו רעדן; ער ווייסט פארוואס דאס דאווענען איז נישט אזוי (ווי עס דארף זיין) - ווייל דאס פארן דאווענען און נאכן דאווענען איז נישט אזוי (ווי עס דארף זיין!).

דער רבי רעדט דארטן אין א תורה[לה]: אז שבת איז די יראה מיט 'דעת', און אינמיטן וואך איז די יראה מיט 'נארישקייטן' (- כסילות. בבחינת:) "הֲלֹא יִרְאָתְךָ כִּסְלָתֶךָ" [מיר האבן עס נעכטן געלערנט]. אז דער אויבערשטער העלפט אז דער 'פאַר שבת' איז גוט, איז דער שבת אַן אנדער שבת. און אז דער 'פארן דאווענען' איז גוט, איז דער דאווענען אנדערש. ביי די אלע זאכענישן גייט נישט קיין מתנות, דער מענטש דארף מאכן אַן הכנה - "ביום השישי והכינו"[לו] - שבת דארף האבן אַן הכנה![לז] אז מען

[לד] עי' השתפכות הנפש: בסופו אות ו': "וזה בחינת שאמרו רז"ל, על מצות סוכה, 'צא מדירת קבע ושב בדירת ארעי', זה בחינת 'אל תעש תפילתך קבע אלא רחמים ותחנונים', ואמרו רז"ל, **'זה שיודע לחדש בה דבר'**, וזה זוכין דייקא כשעושין מתורות תפילות שאז זוכין בוודאי לחדש דבר בתפילתו בכל פעם (ועיין במכתבי מורינו הרב רבי נתן, זכר צדיק לברכה, שנת תקצ"ה ראש חודש חשון שזה בחינת סוכה חדשה, שצריכה הסוכה להיות חדשה דוקא, **כי סוכה ישנה יש פוסלים וזה בחינת תפילה חדשה** עיין שם)", עכ"ל.

[לה] ליקוטי מוהר"ן תניינא י"ז, וזל"ש: "צריך ליזהר מאד להיות שמח וטוב לב בשבת, כי מעלות וקדושות שבת גדולה ויקרה מאד, כמובא, ובפרט ב'ראשית חכמה' ב'שער הקדושה' בתחילתו, עיי"ש ...**ועל ידי זה היראה בשלימות, דהיינו עם דעת**, כי בחול אפשר שיהיה היראה עם כסילות, בבחינת (איוב ד): **"הלא יראתך כסלתך"**. ועיקר הכסילות הוא מחמת השעבוד שיש בחול, כי על ידי השעבוד אין הדעת שלם. וכמו שכתוב במואב (ירמיה מ"ח): "שאנן מואב מנעוריו וכו' ובגולה לא הלך, על כן עמד טעמו בו" וכו'. וכמו שאמרו רז"ל (מגלה יב:), כי על ידי שעבוד וגלות הדעת מבולבל. אבל בשבת הוא חירות, וכשיש חירות ואין שעבוד וגלות, אזי הדעת שלם כנ"ל", עיי"ש וכו'.

[לו] שמות טז, ה.

[לז] עי' שו"ע או"ח סי' ר"נ.

גרייט צו פיש און פלייש און אלע מאכלים, איז אויך זייער גוט! אכילת שבת איז דאך 'כולו אלוקות כולו קודש'[לח]. און (כמו כן) שבת מוז מען האבן אנדערע מלבושים, מען מוז איבערבייטן די מלבושים, טאמער גיי איך מיט דעם אייגענעם מלבוש איז דאס אַן ענין פון חילול שבת. אז א מענטש וועט זאגן אז ער וועט האלטן שבת און ער וועט נישט טוהן קיין מלאכה אבער ער וועט גיין דעם אייגענעם מלבוש ווי אינמיטן וואך איז ער מחלל דעם שבת, עס קומט אים נישט קיין מיתה אבער ער איז מחלל שבת. און די גמרא זאגט אויך[לט], אז ווען מען קומט אריין אין שטוב אריין, קומען אריין די מלאכים, און אז זיי זעהען 'מיטה מוצעת ונרות דולקים' - עס ברענט און עס איז געגרייט, זאגן זיי: 'דער קומענדיגער שבת זאל אויך אזוי זיין'. שבת מוז זיין אפגעטיילט. און (כמו כן) דעם שבת דארף מען מכבד זיין מיטן דיבור - 'שלא יהא דיבורך של שבת כדיבורך של חול'[מ]. אויב ער וועט שבת רעדן דיבורים וואס ער רעדט אינמיטן וואך, קומט אים נישט קיין מיתה און נישט קיין סקילה אבער ער איז מחלל שבת, ער איז נישט מכבד דעם שבת.

תוספות זאגט דארטן[מא] - עס איז א מדרש אויך[מב], אז די מאמע פון רבי שמעון בן יוחאי האט גערעדט שבת עפעס צופיל. האט ער איר געזאגט: "שאַ, עס איז שבת!". א מאמע, כיבוד אם - שבת! פארוואס? ווייל דאס (- ריבוי הדיבור) הייסט אויך א מין חילול (שבת)! דער שבת איז אנדערש מיט אלצדינג.

עס שטייט אין זוהר הקדוש[מג], אז אזוי ווי ארץ ישראל האט אַן אנדער הימל - שבת האט אויך אַן אנדערע הימל! דער 'חידוש מעשי בראשית' איז שבת גאר עפעס

---

[לח] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ז; סי' קכ"ה; תניינא סי' י"ז, ועוד.

[לט] שבת קיט:

[מ] שבת קיג.

[מא] שם בד"ה "שלא יהא" וכו'.

[מב] תנחומא בראשית פ"ב.

[מג] ששניהם הם תחת שליטת הקב"ה בעצמו, ולא תחת שום שר או מלאך כמו בחול ובחו"ל, כמבואר הרבה בזוהר. עי' גם בזוהר ויקהל דף ר"ג, ובכתבי האריז"ל, אודות עליית העולמות בשבת..

אנדערש, מיר זעהען דאס טאקע נישט, אבער עס איז עפעס אן אנדער זאך, עס איז גארנישט דער. און אזוי ווי מיר זעהען דאך ארויס אז דער שבת מוז זיין אנדערש מיט די מאכלים און די שטוב מוז זיין געגרייט מיט די לייכטער מיט אלעס, מוז זיין דער מח אויך אנדערש, און דער דיבור דארף אויך זיין אנדערש שבת. נו, קומט דאך אויס אז (מען דארף עפעס אַן הכנה דערצו!)

## "הכון לקראת אלקיך"

דאס אייגענע איז ווייטער - ווען עס קומט צום דאווענען: 'איך זאל זיין ביים דאווענען פונקט אזוי ווי פריער ווי פארן דאווענען?' אז איך דאוון איצטער, מוז איך דאך משעבד זיין דעם מח מערער! און אזוי איז אין יעדער זאך וואס א מענטש טוהט - דאס איז אליץ געוואנדן אין פריער; דער פריער גייט אריין אין דעם שפעטער. יעדע זאך דארף האבן אַן הכנה. אין די פוסקים[מד] איז דא, אז די הכנה פון דער מצוה איז נאך העכער ווי דער מצוה[מה]. וואס איז ביי אונז די הכנה? וואספארא הכנה מאכן מיר? נאר רעדן צום אויבערשטן, דאס איז אונזער הכנה, אנדערע הכנות האבן מיר נישט!

---

[מד] עי' בט"ז או"ח ריש סי' תקפ"א שדן בזה.

[מה] עי' בספה"ק "שפתי צדיק" פר' האזינו: "וימים אלו נקראים ימי שמחה, בין יום הכיפורים לסוכות שעוסקין במצות, וצריכין להכין עצמו ולהטהר שנוכל לקבל המצוות ...והפוסקים הביאו המדרש שאין מחשבין עוונות משום שעוסקין במצוות. **ובספר הזכות מתקשה בזה, שאין ההכנה של המצוה יכולה להיות גדולה יותר מהמצוה, ומרן ז"ל אומר שאין רחוק לומר כן, שהמצוה מי יוכל לקיים כתיקונה? אבל ההכנה הרצון והתשוקה להמצוה זה יוכל לקיים יותר!**". גם עי' ב"ליקוטי הלכות" הל' ברכת המזון ה"ד, אות כ"א מש"ש בזה"ל: "**וזה בחינת מה שאנו אומרים קודם כל מצוה, הריני מוכן ומזומן לקיים** מצות תפילין או ציצית וכיוצא. כי זה בחינת רצון שאנו מודיעים ומגלים בפינו רצוננו וכספנו החזק לקיים מצוותיו יתברך, **כי אין לנו כח לקיים מצוותיו יתברך כראוי רק אנו אומרים אנו מוכנים ומזומנים לקיים המצוה שזהו בחינת רצון**. ואזי המצוה נעשית ממילא בסיוע ה' יתברך, כי הבא לטהר מסייעין לו. והכל מאתו יתברך. **ועיקר עבודתנו הוא הרצון שהוא בחינת מה שאומרים הריני מוכן ומזומן** וכו'".

די תורה דארף אויך האבן הכנה פריער, אז איך לערן עפעס דארף עס פריער האבן אַן הכנה[מו]. און דאס דאווענען דארף אויך האבן פריער אַן הכנה[מז]. אמת טאקע אז די תורה איז א הכנה צום דאווענען אויך - דאס איז אוודאי גוט, אבער די תורה אליין דארף אויך האבן אַן הכנה, "ערבך ערבא צריך"[מח]. די תורה וואס זי איז אַן הכנה צום דאווענען דארף אויך האבן אַן הכנה. על-כל-פנים, דערצייל עס דעם אויבערשטן: 'געוואלד, געוואלד! מען געפינט זיך אין דער וועלט און מען ווערט אנגערופן אויפן הייליגן נאמען פון דעם רבי'ן און מען רעדט אזעלכע דיבורים פון תכלית - לאמיר עפעס זיין צוגעבונדן!'.

און אפשר וועט מען מיינען אז מיט די דיבורים קען מען אריינפאלן חלילה אין עפעס אזא מין עצבות? חס ושלום! מען דארף זיין מלא שמחה אז מען רעדט גאר דערפון אז מען דארף טראכטן פון דער זאך! מען דארף זיין מלא שמחה דערפון אז דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט אויף אונז אז מען קומט זיך צונויף און מען רעדט פון דער תכלית, מען רעדט נישט פון אנדערע זאכענישן! פארוואס רעדט מען דערפון? ווייל אט דאס איז דער עיקר מענטש, דאס איז דער עיקר פארמעג מיינס.

(אזוי ווי מיר זעהען:) ביי דער מעשה[מט] פונעם רבי'ן דארטן: אז דאס פירל קען נישט גיין, גיט דער צדיק אביסל סמאלע אויך – 'שמיר אָן די רעדער און געפארן'. ער גיט דארטן עפעס צו תומך זיין. אבער דער עיקר איז דאך – 'קויפט סחורה, קויפט אסאך סחורה!' אז דאס פירל וועט נישט קענען גיין וועט מען שוין געבן אביסל סמאלע דו זאלסט קענען פארן.

---

[מו] עי' בשו"ע או"ח סי' ק"י, סעי' ח': "הנכנס לביהמ"ד יתפלל" וכו' עיי"ש, ובנו"כ.

[מז] עי' שו"ע סי' צ"ח, סעי' א'.

[מח] סוכה כו. ועוד.

[מט] עי' שיש"ק (חדש) ח"א, תקט"ז.

עס איז געווען ר' גרשון[נ] דעם רבי'נס (א תלמיד). האט דער רבי אים געוואלט געבן שפע און ער האט נישט געוואלט נעמען. דער רבי האט אים געזאגט: "א גראָשנדיג לעכטל וועט דיר מבלבל זיין א שמונה עשרה". עס איז טאקע אזוי געווען אמאל[נא]. ער האט נישט געוואלט, ער האט געהאט אזא מין חיות אין 'אידישקייט' – 'וואס דארף איך געלט?! פארוואס דארף איך דאס?!' ער איז געווען פון דעם רבי'נס מענטשן, פון די גרויסע עובדים געווען.

❖

## "ואני תמיד עמך"

אז דער אויבערשטער העלפט, האט מען נאר אינזין דער זאך אז עס איז דא א תכלית - און אז דער תכלית האט נאך א תכלית[נב], און אז וואס איך טוה א זאך - אפילו מיין תורה איז נאך נישט דער לעצטער תכלית. וואס איז די תורה? די תורה איז א תבלין אנטקעגן דעם יצר הרע. די תורה איז מזכך דעם מענטשן, די תורה גיט אריין אין א מענטשן עפעס א רוח טהרה. אויב לערנען אליין, איז רח"ל וואס קען מען האבן פון תורה און וואס ווערט פון דער תורה, תורה 'שלא לשמה', לשׂרה ולקנטר. דער רבי זאגט אין תורה י"ב: "נבילה טובה הימנו", דער תנא וויל זיך גארנישט קושן מיט אים, ער וויל גארנישט ליידן זיין לערנען. עס איז דא לומדים

---

[נ] נכד המגיד מטירהאוויצע ז"ל.

[נא] עי' "כוכבי אור" – 'אנשי מוהר"ן', אות כ"ט: "מה שאמר לר' גרשון ז"ל **"איבער א גראשינדיג ליכטעל קאן צו שלאגין ווערן א גאנצע שמונה עשרה"** (עבור נר שוה פרוטה עלולה ללקות כל תפלת שמונה עשרה). שפעם אחת ביקש רביז"ל ליתן לו עשירות ולא רצה, ואמר לו רביז"ל: מפני מה? הלא בשביל "א גראשין ליכטעל קאן צו שלאגין ווערין א גאנצע שמונה עשרה" כנ"ל. ואחר כמה שנים נתקיים זאת מחמת עניות וכו' שפעם אחת לעת ערב והיה חושך בביתו ובקשו בני ביתו ממנו א גראשין לקנות נר ולא היה לו, ועל ידי זה נתבלבל לו השמונה עשרה ונזכר אז שרביז"ל כיוון לו מכמה שנים מקדם. ובעת שנתקיים זאת אחר כמה וכמה שנים נזכר הר' גרשון שמכוון ממש כדברים האלה אמר לו אדמו"ר זצ"ל. שמעתי כל זה מאבי הריני כפרת משכבו ששמע זאת מפיו בעצמו".

[נב] עי' בליקוטי מוהר"ן סי' י"ח, אות א': "**דע, כי לכל דבר יש תכלית, ולתכלית יש עוד תכלית אחר, גבוה מעל גבוה**".

וואס, רח"ל, זיי זענען אפיקורסים[נג]. "האומר אין לו אלא תורה, תורה נמי אין לו"[נד]. קומט אויס, אז יעדע זאך וואס מיר טוהען, אפילו וואס ביי אונז הייסט עס 'טוב', דארף עס אויך האבן א געוואלדיגע שמירה. וואס איז די שמירה אונזערע? די שמירה איז, מען האט גוטע חברים און מען רעדט מיט חברים און מען רעדט צום אויבערשטן, מען לערנט דעם רבי'נס ספרים, דאס איז אונזער שמירה אויף יעדן זאך וואס מיר טוהען אז עס זאל זיין אפגעהיט.

עס איז דא נאך א זאך, וואס אז מען רעדט נאר דערפון איז שוין א נחת רוח למעלה: אזוי ווי דער אויבערשטער איז מקפיד זייער דארטן ביי דעם בית המקדש אז די זקנים האבן נישט געגעבן קיין מחאה[נה], זיי האבן געדארפט געבן א מחאה. ביי דיר איז אויך דאס אייגענע - 'גיב א מחאה!' גיב א מחאה קעגן דעם יצר הרע! אז איך רעד צום אויבערשטן אָט דאס הייסט 'איך גיב א מחאה'.

אין 'חזקת קרקעות' איז דער דין: אז איינער נעמט צו ביי מיר א פעלד, נעם איך צוויי מענטשן (ואומַר להם:) 'איר זאלט וויסן אז דאס פעלד וואס יענער האלט איז מיין פעלד און בגזילה האלט ער עס, איך גיב א מחאה פאר אייך - איך בין מוחה, ער האט דאס פון מיר צוגע'גזל'ט, עס איז נישט זיינס, עס איז מיינס!'. איז דער דין, אז 'אפילו שלא בפניו' ווען יענער האט נישט געהערט, הייסט עס אויך א מחאה. ווייל עס וועט אנקומען צו יענעם, "חברך חברא אית ליה". אז ער וועט האבן עדות אז ער האט געגעבן פאר זיי א מחאה קען יענער נישט זאגן 'איך האב נישט באקומען קיין מחאה פון דיר'.

---

[נג] עי' בליקוטי הלכות הל' אונאה ה"ג, אות ב': "**ואפילו אם עוסק בתורה עדיין אינו בטוח שישאר קיים על עמדו, כי מי יודע מה יעבור עליו. כמו שראינו כמה וכמה בני אדם שעסקו בתורה בהתמדה גדולה כמה שנים ואחר כך נפלו מאד ונתרחקו מן התורה לגמרי. ובפרט שיש אנשים הרבה שנפלו למה שנפלו עד שיש שנפלו לעבירות גדולות ממש, רחמנא לצלן**".

[נד] יבמות קט:

[נה] עי' גמ' שבת נה. ועוד.

זעהען מיר דאך ארוים דאס גרויסקייט פון 'מחאה'. וואס איז אונזער מחאה? מחאה איז תפילה, דאס איז אונזער מחאה! מען רעדט צום אויבערשטן: 'איך בין נישט זיינער, ער וויל מיר צוכאפן! "עָשְׁקָה לִּי עָרְבֵנִי"[נו]. איך גיב א מחאה: 'ניין, איך בין דיינער, איך בין מיט דיר, איך בין נישט מיט אים!'. און דאס איז אויך זייער גוט אז מען גיט די מחאה, אבער דער עיקר איז אז דער אויבערשטער זאל העלפן טאקע אז מען זאל צונעמען ביי אים קריק וואס ער האט צוגע'גזל'ט ביי מיר, אפנעמען קריק מיינס - 'איך בין נישט דיינער, "ואני תמיד עמך"[נז] - איך האב שייכות מיט דיר, נישט מיט אים!'[נח]

❖

## "עבדו את ה' בשמחה"

ברוך השם, ביים רבי'ן איז דא אזעלכע מיני רפואות! און מען קען מאכן גוט, מען קען מאכן אין דעם עולם גוט, מען דארף נישט האבן קיין ויכוחים אינדרויסן. 'מהיכי תיתי' אמאל, אבער דער עיקר דארף מען נאר אינזינען האבן 'זיך'. אוודאי אז איינער וואס ער וויל הערן א דיבור פונעם רבי'ן דארף מען אוודאי רעדן דיבורים, דער רבי'נס זאך איז דאך געווען 'מען זאל מקרב זיין אידן צום אויבערשטן'. אבער פון האבן ויכוחים ווערט נישט פון זיי (גארנישט). דער עיקר דארף מען האבן ויכוחים – 'רעדן צום אויבערשטן דיבורים'[נט]. מיט חברים דארף מען אינזינען האבן דעם תכלית. דאס אינזין האבן דעם תכלית אליין מאכט מיר נענטער.

---

[נו] ישעי' לח, יד.

[נז] תהלים עג, כג.

[נח] עי' באריכות מזה בליקוטי הלכות הל' חזקת מטלטלין ה"ה.

[נט] עי' בליקוטי מוהר"ן סי' קכ"ד בענין 'זמרו למי שמנצחין אותו ושמח' עיי"ש. ובליקו"מ תניינא סי' כ"ה, בענין מעלת המפרש שיחתו בינו לבין קונו בטענות ואמתלאות בדברי חן ורצוי ופיוס, לבקש ולהתחנן מלפניו יתברך, שיקרבו אליו לעבודתו באמת.

אזוי ווי מען זעהט דארטן קעגן 'מחשבות' אז דער אויבערשטער איז נישט מצרף מחשבה למעשה חוץ די מחשבה פון הרהורי עכו"ם. א מחשבה פון עבודה זרה איז דער אויבערשטער מצרף למעשה. אזוי איז אין די קדושה ווייטער, אז דער אויבערשטער העלפט אז מען האט מחשבות פון התקרבות צום אויבערשטן - גוטע מחשבות איז דאך ממש אזוי ווי א מעשה. אזוי ווי ביי די סטרא אחרא איז דער אויבערשטער מצרף למעשה די מחשבה פון הרהורים, אזוי איז פארקערט.

רבי נתן איז דאך פול מיט התחזקות. דעם רבי'נס זאך איז נישט צו מאכן מרה שחורה'דיג יענעם. פון רעדן אזא שמועס קען מען דאך ווערן מרה שחורה'דיג. אדרבה, איך קען צו גארנישט צוקומען אויב איך וועל האבן עפעס א ריח פון מרה שחורה. אויב דאס וועט מיר ווערן מאכן מרה שחורה'דיג - קען איך נישט רעדן, איך קען נישט לערנען, איך קען נישט דאווענען, עס איז גארנישט, עס פארמאכט מיר אלע וועגן. אז מען רעדט אפ א שמועס און מען ווערט נתעורר דארף מען זיך שוין שטארקן אין שמחה און טאקע אנהויבן עפעס טוהן. אבער דער 'פתח' פריער הויבט זיך אן פון שמחה. 'שמחה' זאגט דער רבי, איז 'חירות המוחין'[ס]. איך קען משעבד זיין דעם מח צו וואס איך וויל און איך קען עפעס אנהויבן טוהן.

די תפילה דארף זיין בשמחה: "תפילה שהיא בשמחה היא עריבה ומתוקה לשם יתברך" – 'די תפילה וואס איז בשמחה איז זיס פארן אויבערשטן' - זאגט דער רבי אין 'ספר המידות'[סא]. און דער לערנען דארף זיין בשמחה, און ארומגיין מיט שמחה, דאס איז עפעס אזא מין זאך - אויך נאר בכוח פונעם צדיק, פונעם רבי'ן. 'שמחה' איז אויסגעמישט מיט ישוב הדעת. די שמחה טרייבט מיך אז איך זאל זיך נישט לאזן נארן, די שמחה איז דער מנהיג מיינער, זי פירט מיר און לאזט מיר נישט אפ, איך בין זיך פארט מיישב, אז נישט איז דאך "ולשמחה מה זו עושה"[סב].

---

[ס] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י'.

[סא] ערך 'תפילה' אות פ"א.

[סב] קהלת ב, ב.

מען זעהט דאך אז דער זמן לויפט, דער זמן לויפט, דער זמן לויפט - און יעדער טאג איז א טאג. אוודאי איז זייער גוט אז דער אויבערשטער העלפט אז מען כאפט ארויס אין טאג וואס מערער תורה ותפילה, אבער מען זאל ארויסכאפן טאקע 'ישוב הדעת' אין דעם טאג, און ממעט זיין די תענוגים, ממעט זיין אין די הבלים.

❖

## "כולו זרע אמת"

דער רבי ברענגט אין דער מעשה דארט[סג]: יעדער בעטלער איז געקומען צו גיין צו די חתן כלה און האט געשענקט מתנות. נאר וואס דען? זיי האבן געבענקט און געוויינט: 'ווי נעמט מען אהערצו דעם בעטלער!'. פלעגן אונזערע לייט זאגן, דאס איז אזוי תמיד דער זאך. דער רבי זאגט אין תורה ז', אז מען איז מקבל אַן עצה פון צדיק איז עס גלייך אזוי ווי 'נישואין', דו האסט חתונה פאר אים. אז מען בענקט נאכן צדיק און נאך זיינע עצות, קומט ער צוגיין און ער זאגט: 'איך בין דא! איך בין געקומען צו אייך, איך שענק אייך א מתנה!' - מען שענקט מתנות. נאר ווען שענקט ער די מתנות? אז מען בענקט! אז מען וויל! מען וויינט!

דארטן קומט דאך אויס, ער האט געזאגט: 'איך בין דא!' קומט אויס אז דער בעטלער איז פריער אויך געווען דארטן אויף דער חתונה. נישט אז ער איז (איצטער) אריינגעקומען און זיך אנגערופן: 'איך בין דא!'. נאר וואס דען? איידער זיי האבן געבענקט און געוויינט האט ער זיך נישט ארויסגעוויזן צו זיי, אבער אז זיי האבן געבענקט און געוויינט איז ער זיי ארומגעפאלן און האט זיי געקושט. אזא מין אהבה ווייזט ארויס דער צדיק, אזא מין התחברות, אזא מין חיבוק, "וימינו תחבקנו", אזא מין אהבה צום אויבערשטן, אזא מין ליבשאפט, ממש א בחינת 'נשיקין'.

אט דאס האט א כח דער ענין פון כיסופין, פון בענקען, רעדן, עס ווערט א התחברות ממש, מען ווערט מחובר מיט די קדושה, מען ווערט מחובר מיטן צדיק,

---

[סג] במעשה מהז' בעטלירס - מעשה י"ג בספה"ק סיפורי מעשיות.

מען ווערט מחובר מיט אלוקותו יתברך, מען ווערט מחובר. און חלילה פארקערט ווייטער, ביים עץ הדעת איז געווען א 'נישואין דסטרא אחרא', "הנחש השיאנו" (עיי"ש בתורה הנ"ל), זי האט מקבל געווען אַן עצה פונעם נחש, דער נחש האט דאך איר געגעבן אַן עצה, און זי האט מקבל געווען די עצה. אז עס איז 'עצת הנחש' איז רח"ל געווארן א נישואין דקליפה, א זוהמה רח"ל. זאגט דער רבי דארטן: עצת הצדיקים איז 'כולה זרע אמת'. דער רבי זאגט, אז מען איז מקבל אַן עצה איז עס גליך ווי מען איז מקבל פון אים זרע, ווארום 'הכליות יועצת' - די כְּליות איז די כלי ההולדה. זאגט דער רבי דארטן: עצת הצדיקים איז 'כולה זרע אמת', איך האב חתונה פארן צדיק אז איך בין מקבל די עצה פונעם צדיק! דער צדיק גיט דאך אונז עפעם עצות, אַן עצה פון 'זיך מיישב זיין' - געוואלד!

❖

## הערט אויף זיין ארעמעלייט

מען זעהט דאך ארוים ביי קריאת שמע: "ודברת בם בשבתך בביתך" - ווען דו זיצט אין שטוב, "ובלכתך בדרך" - ווען דו גייסט אין וועג, "בשכבך ובקומך" - ווען דו לייגסט זיך און ווען דו שטייסט אויף. קומט דאך אוים, אז די תורה זאגט: 'דו זאלסט תמיד רעדן פון מיר'. "ודברת בם" - 'ולא בדברים בטלים' - ווען דו זיצט אין שטוב, דו גייסט אין וועג, דו לייגסט זיך און דו שטייסט אויף. אז דו לייגסט זיך - דארפסטו איינשלאפן מיט דיבורים, און אז דו שטייסט אויף - שוין ווייטער. דאס איז דאך שטענדיג, דאס איז דאך אָן אויפהער - אין שטוב און אין וועג און ווען דו לייגסט זיך און שטייסט אויף. ממילא איז שוין דער שלאף אַן אנדער שלאף אויך.

דאס ענין פון 'רעדן צום אויבערשטן' דאס איז עפעס אזא מין זאך וואס איז מחבר דעם גאנצן טאג. אז ער רעדט אוים - רעדט ער דאך אוים אלעס, איז דער גאנצער טאג מחובר צום אויבערשטן! דאס איז דאך עפעס א מין חיות פונעם גאנצן טאג - אז ער לאזט נישט אפ קיין שום זאך, ער רעדט דאך דאס אויך אוים. (אפילו) דער אויבערשטער העלפט אים אז עס איז ביי אים (ווי עס דארף זיין) - אבער עס איז דאך

אין דעם עולם. רעדט ער דאס אויס - און טאקע באלד, ער איז זיך מזרז, ער לאזט נישט עס זאל ווערן אלט, ער דערציילט שוין דעם אויבערשטן, ער רעדט דאס שוין אויס.

❖

מיט דער זאך מעגן מיר זיין ביי זיך זייער שטאלץ און זייער רייך - אז מיר ווייסן פונעם רבי'ן און אז מען ווערט אנגערופן אויף דעם הייליגן נאמען און מען גלויבט אין די הייליגע ספרים און מען ווייסט די גרויסקייט פון די ספרים און דאס גרויסקייט פון האבן גוטע חברים, עס איז א געוואלדיגער פארמעג אונזערס, מען מעג שטאלצירן דערמיט! דאס איז א "ויגבה לבו בדרכי השם"[סד], איך מעג האבן דערפון (שטאלצקייט). אדרבה, דער 'בן מלך' האט געזאגט דארט: **"אז עס איז יא אזוי - שטייט עס מיר אָן אז איך זאל מיך אזוי פירן? איז רעכט זיך אזוי צו פירן??!" איך בין דאך עפעס א בן מלך!**[סה]

רבי נתן האט דאך געזאגט דעמאלט ווען ער האט חתונה געמאכט (את בנו נחמן): **"אונזער גרויסקייט און שיינקייט וועט מען ווייסן ווען משיח וועט קומען!"**[סו] ווייל מיר גלויבן דאך אז אונזער זאך איז א געוואלדיגע אמת, א געוואלדיגער שיינקייט. כאטש אינדרויסן איז עס זייער נעלם, עס איז זייער בהעלמה - "וזה בחינת

---

[סד] דברי הימים-ב יז, ו.

[סה] במעשה 'מבן המלך ובן השפחה שנתחלפו' מעשה י"א בספה"ק סיפורי מעשיות. ועי' בליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ה"ג, אות ה' מש"ש, וז"ל: "וזה בחינת (דברי הימים ב' י"ז) 'ויגבה לבו בדרכי ה'' **שצריכין להגביה לבו ודעתו בדרכי ה' ולומר בנפשו שאין נאה לי לעשות מעשים כאלה מעשה בהמה ח"ו, כי נפשי גבוה מאד נפש ישראל שכולם בני מלכים וראוי לי להתנהג בנימוסי המלכות דקדושה, כמו שראוי לנפשות ישראל** שנקראים (דברים י"ד), **"בנים אתם לה' אלקיכם"**. וזה בחינת מה שכתוב בהתורה, "ויהי הם מריקים שקיהם". (בסימן י"ז) על מאמר רז"ל (ב"ב ע"ד), **'אנא בריה קלה שבים'** וכו', עין שם מה שהטוב של נפש ישראל זוכר מעלתו שהוא נמשך מנפשות ישראל שעלו במחשבה תחילה ובהם נמלך ונתייעץ בבריאת עולמות וכו'. ועתה ח"ו, תהיה משוקעת במקומות כאלה, רחמנא לצלן, ועל ידי זה מרחם על עצמו וחוזר למעלתו וכו', עין שם", עכ"ל.

[סו] לסיפור המלא עי' שיש"ק (חדש) ח"ב, אות תש"ן.

העלמה"[סז], דער צדיק איז נעלם, און יעדער דיבור פונעם רבי'ן איז נעלם, עס האט דאך נישט דעם חשיבות (וואס עס דארף האבן). אבער ברוך השם, אינעווייניג ביי אונז איז דאך עס נישט נעלם - זאל דער אויבערשטער העלפן עס זאל טאקע נישט זיין ביי אונז נעלם. אבער אז מיר גייען נישט צו דערצו איז דאך עס ביי אונז אויך נעלם. אז איר זענט יא דא, און איר ווייסט יא - פארוואס גייט איר נישט צו?!

ווי האט געזאגט דער אָדלער: "הערט אויף זיין ארעמעלייט, הויבט אן ניצן מיט אייערע אוצרות"[סח]. ער האט אנגעקלאפט אין דעם מגדל - אין דער טורעם. "געקלאפט אין טורעם" - דאס איז אַן ענין: עס קלאפט אָן עפעס א זאך, מען קלאפט אָן. אז מען וויל זיך צוהערן, הערט מען ווי מען קלאפט אָן.

❖

## ער זיצט אָפּ אין גן עדן

אין תורה ג' ברענגט דער רבי א זוהר: "וכד איתפלג ליליא כדין כרוזא כרוז 'כצפרים האחוזות בפח כהם יוקשים בני האדם'" - 'עס גייט ארויס א כרוז, אזוי ווי די פייגעלעך וואס כאפן זיך אריין אין נעץ - אזוי ווערן מענטשן געכאפט'. און ווען הערט זיך דער כרוז? 'כד איתפליג ליליא'! אז דער אויבערשטער העלפט אז מען שטייט אויף אין דעם עת רצון, הערט מען עפעס אזוי ווי א כרוז: 'אוי, מענטשן ווערן אריינגעכאפט אין דעם נעץ'. אז מען הערט אזא כרוז באפאלט עס דאך עפעס - 'געוואלד'!

מען זעהט דארטן די וואס כאפן פייגעלעך. די פייגעלע רעכט זיך גארנישט, עס ליגט א שטיקעלע ברויט גאר אויף א ברעטעלע, און דארטן איז דא אסאך קלעב, און ווען די פייגעלע וויל כאפן די שטיקעלע ברויט, קלעפט זיך צו דאס פיסל צו די קלעב און עס איז שוין געכאפט, זי קען שוין נישט אוועקגיין. "כצפרים האחוזות

---

[סז] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ס"ז.

[סח] בהמעשה מהז' בעטלירס הנ"ל, 'יום ראשון', עיי"ש.

בפח". פארוואס פאלט זי אריין אין פח אריין? ווייל זי וויל כאפן א שטיקל ברויט! - אזוי ווערן אריינגעכאפט מענטשן...

דער כרוז גייט ארויס מלמעלה און שרייט אויס דעמאלט 'כד איתפלג ליליא'. און וואס האבן מיר דערפון? מיר האבן דערפון אז אין דער צייט וואס עס הערט זיך דער כרוז איז א גרויסע זאך אז מען זאל זיין אויף. מיר האבן נאך נישט די זכיה אז מיר זאלן הערן ממש דעם כרוז, אבער עס גייט אריין עפעס א הרהור תשובה אין מענטשן אריין: 'אוי, לאמיך נישט ווערן אריינגעכאפט, לאמיך נישט ווערן אריינגעכאפט, איצטער גייט דאך עפעס א כרוז - אין אלע הימלען הערט זיך דער כרוז!'. אז מען איז אויף אין דער צייט, העלפט דער אויבערשטער אז עס גייט אריין עפעס א הרהור תשובה אז איך זאל נישט ווערן אריינגעכאפט אין דעם נעץ.

דער רבי גיט דאך אונז אלע מיני רפואות – 'אלע רפואות גיב איך אייך, טוהט און ניצט, זייט נישט קיין ארעמעלייט!'. די ווינטער'דיגע נעכט - גרויסע נעכט, א נאכט איז א נאכט! דער עיקר איז דאך די נאכט.

דער רבי רעדט דארטן אין א תורה: "*נפקת בצפרא ומתכסיא ביממא*"[סט]. מיר האבן נעכטן געלערנט דער הלכה[ע], אז פון חצות הויבט שוין אָן צו שיינען די הארה פון תפילין, און די הארה גייט אריין אין דעם דאווענען. קומט דאך אויס עפעס אז דאס חיות פון דעם גאנצן טאג איז גאר אין דער צייט.

אויף דעם אליין דארף מען דאך עפעס דאנקען דעם אויבערשטן. ישעיה הנביא זאגט[עא]: "*שָׂמים אור לחושך וחושך לאור*". ווער זאגט אזוי? ווי איז דאס אז א משוגענער זאל זאגן אויף פינסטער - לעכטיג, און אויף לעכטיג – פינסטער!? ווער זאגט אזוי?! נאר אט דאס איז דאך עס, אז עס קומט די נאכט ביי חצות, דעמאלט

---

[סט] ליקוטי מוהר"ן סי' ס"ב, אות ה', עיי"ש.

[ע] בליקוטי הלכות השכמת הבוקר ה"ג, עיי"ש.

[עא] ישעיה ה, כ.

איז א לעכטיגקייט אין אלע עולמות! אין א הלכה[עב] אין הלכות תפילין זאגט רבי נתן, אז דער מענטש דעמאלט זיצט אין גן עדן, ער איז א "יושב בגן-עדן". דער אויבערשטער גייט אריין אין גן עדן אריין, און ער איז זיך משעשע מיט אלע צדיקים, די צדיקים בענקען דעמאלט, זיי ווילן הערן קולות פון אונטן פון דער וועלט. זאגט ער, אז ממש מיר זיצן אין גן עדן. מיר דאכט זיך אז ווען מען ליגט איבערגעבעט און עס איז ווארעם דאס איז א גן עדן. אבער דער אמת איז - ניין, נישט דאס איז דער גן עדן, נאר אז איך ווארף אראפ די איבערבעט און עס איז אויך אביסעלע קאלט אין שטוב און איך זעץ זיך אוועק ביים טיש און הויב אָן רעדן א ווארט - זיץ איך שוין אין גן עדן. די צדיקים בענקען צו הערן פון מיר א ווארט דעמאלט, זיי ווילן הערן פון מיר א ווארט, דעמאלט זיץ איך שוין אין גן עדן. זאגט ער: "יושב בגן עדן" - ער זיצט אין גן עדן. וויבאלד אז ער שטייט אויף, און די צדיקים ווילן דאך הערן זיין קול, "מקשיבים לקולך השמיעני" – מאך מיר הערן דיין קול, איז דאס אזוי גלייך 'כאילו יושב בגן עדן' - ווי דער מענטש זיצט אין גן עדן! **אזא מין תענוג קענען מיר האבן אין דער וועלט! וואספארא תענוג איז א בעסערער תענוג ווי דער תענוג?! איז דא א בעסערע תענוג אין דער וועלט?! דער אויבערשטער גייט אריין אין גן עדן און איז זיך משעשע מיט די צדיקים און די צדיקים ווילן הערן קולות פון אונטן - שטייט איינער אויף און זעצט זיך אוועק און גיט קולות מיט וואס נאר: ער לערנט - ער לערנט משניות, ער לערנט שולחן ערוך, ער זאגט א קאפיטל תהלים, ער זאגט 'שערי ציון', ער רעדט צום אויבערשטן - וואס ער טוהט איז אלץ קולות דקדושה, איז "כאילו יושב בגן עדן"!** (דערפאר) קלאפט טאקע אָן דער אדלער אין דעם טורעם: 'הערט אוי זיין ארעמעלייט', איר ווייסט דאך פון אזלעכע זאכן!

- אט דאס זאגט ישעיה הנביא: "שָׂמים אור לחושך וחושך לאור". אז עס קומט די צייט וואס דעמאלט איז א 'לעכטיגקייט' - און מען לייגט זיך שלאפן, מאכט מען

[עב] תפילין ה"ד, אות ב': "**וכשעומדים בחצות אזי נחשב כאילו יושב בגן עדן**, כמובא בזהר, שאז נחית קודשא בריך הוא לאשתעשע עם צדיקיא בגינתא דעדן וכו', ומי שעומד אז ועוסק בתורה מתחבר עם אותן הנשמות שבגן עדן, כמו שכתוב שם בזהר הקדוש (ויקרא יג)".

דאך דעמאלט חושך. און אז עס קומט דער חושך, דער אנהויב נאכט, דארף מען זיך לייגן שלאפן - מאכט מען גאר דעמאלט אַן 'אור', קערט מען דאך איבער אינגאנצן דער זאך.

❖

## זיך דערווייטערן פון ויכוחים

דער רבי האט געזאגט: "מיינע לייט וועט מען שוין נישט **אפנארן**, זיי האבן **פארזוכט דעם אונגארישן וויין!**"[עג]. אונגארישע וויין איז געווען אמאל די בעסטע וויין. "טאָקיי" - די בעסטע ווייגען איז דארטן דא. האט דער רבי א זאג געגעבן: 'מיינע לייט וועט מען שוין נישט אפנארן'. קומט אויס, אז מען רירט זיך צו צום רבי'ן קען מען זיך נישט לאזן אפנארן! ווי קען איך זיך אפנארן אז מען רעדט פון אזעלכע רפואות?! איי איך קען נישט רעדן מיט יענעם, יענער לאכט אפ? קען איך מיט יענעם נישט רעדן. איך דארף רעדן מיט זיך אליין, נאר אז איך האב א חבר איז אוודאי גוט.

דער רבי האט געהייסן אז מען זאל זעהן צו מקַרב זיין אידן צום אויבערשטן[עד]. אבער פון האבן ויכוחים דארף מען זיך דערווייטערן, ויכוחים מאכן נאר דעם מענטשן מבולבל.

---

[עג] חיי מוהר"ן אות ר"ס: "אמר משל, שפעם אחת נסע סוחר גדול עם יין טוב אינגארישער (אונגרי). פעם אחת אמר המשרת והבעל עגלה להבעל הבית הלא אנו נוסעים בדרך הזה עם היין הזה, ואנו סובלים הצער כל כך תנו לנו לטעום מעט. ונתן להם לטעום מזה היין הטוב. לאחר ימים נתגלגל שזה המשרת נתוועד יחד עם שותי יין בעיר קטנה ושתו יין ושבחו אותו מאד, ואמרו שהוא יין אונגארישער. אמר המשרת הנ"ל תנו לי לטעום ונתנו לו. ואמר אני יודע שאין זה יין טוב אונגארישער כלל, וגערו בו ודחפו אותו. והוא אמר הלא אני יודע שאין זה יין אונגארישער כלל, כי הלא אני הייתי אצל סוחר גדול כזה וכו' והם לא השגיחו עליו. ואמר, אבל לעתיד כשיבוא משיח אז ידעו כשיתנו יין המשומר, אזי לאחרים יוכלו להטעות ויתנו להם יין וואליחשין סטראוויצטיר ויאמרו להם שהוא יין הטוב המשומר, **אבל לאנשי שלומנו לא יוכלו להטעות כי אנחנו טעמנו היין הטוב וכו'**".

[עד] חיי מוהר"ן תקמ"ג.

ווען עס איז געווען דארטן די מחלוקת אויף רבי נתן'ען, איז ער געווען אין נעמיראוו דריי יאר. האט דארט רבי נתן א מכתב[עה] צום איידעם (ר' ברוך). ער האט געהאט ויכוחים (זיך אנצוגעמען) פארן שווער - פאר רבי נתן'ען. האט רבי נתן געזאגט: 'דו זאלסט אזוינס נישט טוהן! אוודאי דארפסטו אפהיטן מיין כבוד, אבער הער אויף צו האבן ויכוחים!'.

מיט איינעם וואס וויל הערן - דארף מען רעדן מיט אים, אבער האבן ויכוחים מיט יענעם? וואס האט דאס מיט דיר? יענער וועט האבן זיינע קבלות מיט די אלע מעשה'ס, פארוואס דארף איך זיך אויסטראכטן מיט יענעם? איך האב נישט מיט אים וואס צו רעדן! ער גלייכט זיך נישט מיט מיר, איך האב נישט קיין שייכות![עו] מיטן אויבערשטן גלייך איך זיך אויס! און מיט מענטשן קען איך אויך רעדן, און די ספרים זענען פאר מיר אָפן, פארוואס דארף איך זוכן אזעלכע ויכוחים וואס דארטן גלייך איך זיך נישט?! דאס איז אויך א יצר הרע פון די בני הנעורים - נאר זיך קריגן, מאכן זיך א געשעפט. וואס וועל איך האבן דערפון?! עס איז טאקע א 'מאמר החכם' אז "מתוך הויכוח יתברר האמת", אבער פון 'די' ויכוחים ווערט נישט קיין התבררות האמת, עס איז גארנישט ווערד, עס וועט גארנישט ווערן, אדרבא, איך הער נאך אזעלכע דיבורים וואס איך וויל זיי גארנישט הערן.

דערווייל אז דער אויבערשטער העלפט היינט, קען מען זיך צונויפקומען און רעדן פונעם רבי'ן. ברוך השם, אז די אלע וואס קומען זיך צונויף, האבן אלע אמונה אינעם רבי'ן, און מיר גלויבן אין דעם רבי'נס ספרים, הייסט עס 'בדיעה אחת'. און דאס איז אוודאי א גרויסע זאך, א גרויסע זאך! מען דארף גלויבן אז עס איז א טובה פאר

---

[עה] בעלים לתרופה, עיי"ש במכתב מיום ד' ויצא תקצ"ו: "**והיזהר מעתה בני חביבי לבלי ליכנס בוויכוחים ונצחונות עם שאר בני הנעורים** שגם הם נצחנים כדרך בני הנעורים. ומזה נמשך כמה מחלוקת וסכסוכים המונעים ומפסיקים מאד מדרך האמת. כי הנצחון הוא מדמים עכורים שעדיין לא עבד בהם את השי"ת. **תרגיל עצמך להמשיך עצמך אל התמימות באמת**".

[עו] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' קכ"ב: "כי זה ידוע, שמידת הנצחון אינה סובלת האמת, **כי אף אם יראה לעינים דבר אמת, ידחה אותו מחמת הנצחון, וזה מבורר מאד**". ועי' ע"ז בליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ה"ג, אות ב'; ובהל' ברכת הראיה ה"ה.

דער נשמה, און מען האט טאקע הרהורי תשובה אויך דערפון. ארויסכאפן אין דער וועלט א הרהור תשובה איז א געוואלדיגע זאך, א געוואלדיגער פארמעג, דאס איז א געוואלדיגער פארמעג![עז] נאר וואס דען, דער עיקר איז דער אויבערשטער זאל העלפן אז בשעת מען צעגייט זיך זאל מען דאס (מיטנעמען).

רבי נתן טייטש אריין[עח] דעם "לעולם ישלים אדם פרשיותיו עם הציבור"[עט]. 'פרשיותיו' הייסט: 'ער אליין פאר זיך'. 'עם הציבור' – און מיטן ציבור אויך. מען קען דאך נישט זיין כסדר מיטן ציבור, איז 'ישלים אדם פרשיותיו עם הציבור'. ווען מען האט אפגערעדט דארף מען זעהן נאך דעם צו משלים זיין 'פרשיותיו'. פון דאס ביסעלע וואס מען קומט זיך צונויף כאטש איינמאל א וואך - א גאנצע וואך פאסטן מיר... אבער כאטש איינמאל א וואך איז אויך גוט. ער (הבעל דבר) וויל דאס אויך נישט ליידן, דאס איז אויך אים א ביין אין האלז. דארף מען דאנקען השי"ת כאטש אויך דעם.

בשעת עס איז געווען דעמאלט די גרויסע מחלוקת אויף רבי נתן'ען - עס איז דאך געווען ממש געוואלדיג, זענען געווען פון אונזערע מענטשן וואס האבן געוואלט האבן ויכוחים, איז די דאזיגע זענען בשעת מעשה אראפגעפאלן, זיי האבן זיך נישט

---

[עז] עי' בליקוטי הלכות הל' פסח ה"ז, אות ט"ז: "כי השם יתברך יגמור את שלו כרצונו בודאי וידו על העליונה לעולם. וגם **כל אלו ההרהורי תשובה אינם נאבדים שום אחד מהם** על ידי שאינם זוכין עדיין לשוב בתשובה שלמה ואפילו אם אחר כך מתגבר עליהם הבעל דבר ונופלים למטה יותר ויותר, אף על פי כן כל מה שנתעורר מתחילה לפעמים איזה מעט דמעט אינו נאבד לעולם. **וסוף כל סוף יהיה לו תיקון על ידי זה על ידי התקבצות ההרהורי תשובה שהיה לו לפעמים בימי חייו** על ידי החסד עליון של השם יתברך שהאיר עליו בכל יום".

[עח] בליקוטי הלכות הל' קריאת התורה ה"ו, אות כ"ח.

[עט] ברכות ח.

דערהאלטן. די וואס האבן זיך דערוויטערט פון די ויכוחים און זיי זענען נאר אנטלאפן צום אויבערשטן, אט די האבן געמאכט גוט, אט די האבן זיך דערהאלטן![פ]

אין דאס ענין פון ויכוחים - אמאל ליגט אַן אמת, און אמאל ליגט אין דעם אז 'איך וויל אויספירן דער זאך'. אט דער רעיון: 'איך וויל אויספירן' דאס איז שוין נישט קיין אמת. דעם רבי'נס זאך איז געווען אזא מין (אמת, כמו שאמר:) 'איך האב אייך אריינגעבראכט אסאך אמת!' אין יעדעם פרט האט דער רבי געוואלט אז דער מענטש זאל מיינען אמת און אז עס זאל זיין מיט אַן אמת - און דעמאלט מאכט ער טאקע גוט.

❖

## אחר בלותו יפרח ויציץ

איך האב געזעהן אמאל דארטן דעם שווער ע"ה (ר' אהרן קיבליטשער). דער שווער איז געווען א גרויסער ערליכער איד, א גרויסער עובד השם, היינט איז דאס נישט שכיח, אזעלכע עובדים דארף מען היינט זוכן. איז געווען אמאל, איינער האט אים אמאל שטארק געזידלט אין קיבליטש. יענער איז געווען א רייכער מענטש אויף א גאנצער פארנעם, איך ווייס נישט וואס איז געווען דארט, אבער איך בין אריינגעקומען און איך האב געזעהן ווי ער האט דעם שווער שטארק געזידלט אין שול. איך בין געווען נאך דער חתונה און איך האב דאך געוואוסט ווער דער שווער איז, האב איך זיך געוואלט אננעמען און יענעם געבן איבערן קאפ... האט דער שווער מיר איינגעהאלטן: "**וואס, וואו? אט דאס איז אונזער זאך, אזוי דארף עס גיין! אזוי גייט אונזער זאך: 'יענער דארף רעדן - איך דארף שווייגן!'**". האב איך

---

[פ] עי' בשיש"ק (חדש) ח"ב, אות שנ"ג: בעת המחלוקת הגדולה שמע מוהרנ"ת כי אחד מאנ"ש לא יכול להתאפק ודיבר איזה דיבור של גנאי בכבוד החולק; חרה הדבר למוהרנ"ת, ואמר לו: "**דו וועסט זיך נישט דערהאלטן אז דו קענסט זיך ניט איינהאלטן!**"; וכן הוה, שאח"כ נפל הלה מעבודת הש"ית.

**געזעהן וואס דאס הייסט – 'זאל ער רעדן'. דאס האט מען געזעהן ביי דעם אידן. זיי האבן געוואלט נישט האבן קיין שום ויכוחים צו מאכן זיך גערעכט - נישטא[פא].**

**ער האט דאס געזעהן ביי אונזערע לייט, ביי אלע אונזערע לייט האט מען דאס געזעהן. דאס איז אונזער לימוד: דו קענסט נאר רעדן מיט יענעם ווען יענער וויל עפעס הערן, טאמער נישט האב איך נישט קיין שום שייכות. ער רעדט – רעדט ער, ער שרייט - שרייט ער. עס איז נאך קיינמאל נישט געווען אז פון די ויכוחים וואס מען האט זאל ווערן עפעס אַן התבררות האמת כאטש 'מתוך ויכוח יתברר האמת', עס איז נאך נישט געווען אז עס זאל ווערן א התבררות האמת. פארוואס? ווייל אזוי גייט עס.**

**דער רבי האט געזאגט: "איך בין געקומען קיין ארץ ישראל; האב איך אייך געבראכט א מתנה: 'מחלוקת'!". מיר האבן א מתנה: 'מחלוקת'! דאס איז פון אונזער זאך. אזוי ווי דעם רבי'נס זאך קען נישט וואקסן נאר דורך מחלוקת, דעמאלט וואקסט דעם רבי'נס זאך. ביי יעדן איינעם איז אויך אזוי: דו האסט אמאל עפעס מניעות? דו האסט אמאל מחלוקת? מען גיט דיר אמאל א זאג אריין? דעמאלט קענסטו וואקסן אין דער זאך און דו קענסט זיך באנייען און קענסט עפעס (זוכה זיין) צו טוהן[פב].**

❖

---

[פא] ע' במכתבי רבי נתן בר"י מטבריה, מכתב מיום ג' שמות תרמ"ב: "**כך אמר רביז"ל, שכל צדיק הדור האמת לאמיתו יש לו כוח להנהיג העולם כמו שהוא יודע; והצדיקים הקדמונים היה עיקר תשובתם סיגופים ותעניתים, ורביז"ל – אצלו עיקר התשובה לברוח מן הכבוד ולסבול שפיכות דמים ובזיונות**".

[פב] ע' במכתב שכתב רביז"ל בעצמו לאחיו מוהר"ר יחיאל בעת המחלוקת (נדפס בריש 'עלים לתרופה'): "הגיעני מכתבו פה זאסלאב והיה לי צער גדול מזה, אֵיך מלאו לבם האנשים הרשעים האלה והעיזו פניהם כל כך נגדך. ותמה אני איך לא נמצא טוב לעומת רע כנגדם לבער הרע?! אהובי אחי נפשי ולבבי, אל תירא ואל תחת מפניהם. רק חזק ואמץ בתורה וביראת ה' כל היום. כמדובר בין שנינו. וזכות אבותיך מסייעתך. כי כל זה לגדל אותך ולהרבות כבודך ולגדל שכלך. כי **כמו שאי אפשר לכל מיני זרעונים לבוא לתכלית גידולם אלא עד שנותנין מתחילה הגרעין בעפר ואחר כך הגרעין נתבלה ואחר בלותו יפרח ויציץ**

## אט איז שוין פערציג יאר נאך רבי נתן'ען...

רבי נתן אין די דריי יאר וואס מען האט אים אזוי שטארק גע'רודפ'ט - דעמאלט איז דאך געווען געוואלדיג, (דייקא) די דריי יאר איז רבי נתן געוואקסן גאר עפעס אנדערש. אבער צו וואו איז ער אנטלאפן? ער האט נישט געהאט קיין שום ויכוחים, ער איז נאר אנטלאפן צום אויבערשטן!

ווען מען האט רבי נתן'ען געפירט דארטן אין תפיסה, און די מרשעת איז אים אנטקעגן געטאנצן מיט א חוצפה, מיט א מין עזות, אפילו דארטן די גארדעניטשע האט שוין נישט געקענט ליידן אזוי פיל. ער האט איר אנגעשריגן פארוואס זי האט אין זיך אזא מין חוצפה[פג]. א קלייניקייט? רבי נתן. וואס האט ער דעמאלט געטוהן? [- איר האט ער א זאג געגעבן עפעס א ווארט[פד]], אבער וואס האט ער דעמאלט געטוהן? מיט וואס האט ער זיך געראטעוועט?![פה] (- רק בתפילה!).

(ר' נחמן: רבי נתן האט געזאגט: 'איך האב זיך געטראכט אז עס איז שוין פערציג יאר נאך דעם!'?)

**יא. "וואס הער איך זיי? אט וועט מען זאגן: עס איז שוין פערציג יאר נאך ר'**

---

**ונעשה אילן גדול. כן הדבר הזה שעל ידי זה שמשפילין אותך עד עפר, על ידי זה תתגדל ותציץ ותפרח בעולם**".

פג עי' בעלים לתרופה במכתב מיום ו' ערב שב"ק מצורע תקצ"ה.

פד עי' שיש"ק ח"ב (חדש) שפ"ה.

פה עי' בעלים לתרופה במכתב ממוצ"ש שבת שירה אור ליום א' תקצ"ה לפ"ק טשעהרין: אבל מה גדלו חסדי ה' שהכניס בנו קצת לקיים מה שכתוב שם בסמוך **ויצעקו אל ה' בצר להם** וכו', על מי לנו להשען, כי אם על אבינו שבשמים, ואשר אתם רוצים לראות מופתים מיד הלא כבר ידעתם שרביז"ל לא התנהג בזה, כאשר כבר דברתי הרבה בזה, כי הוא מגלה אלקותו בעולם רק על ידי תורות נפלאות שגילה, ואם על כל זה ראינו כמה מופתים נוראים ממנו זכרונו לברכה בחייו, ואחר הסתלקותו ביותר, אבל אין דרכו להעניש מיד, כי **גם ענוש לצדיק לא טוב**, רק בעת שהוא הכרח גדול לבער הקוצים מן הכרם שאי אפשר בלתי זאת, אז הוא מבער אותם במועדם ובזמנם, וכבר בער הרבה, ולה' הישועה שגם עתה יבער ויכלה אותם שההכרח לבערם אם לא ישובו ...**וכל הרעש הזה בשביל לעורר אותי ואתכם לעסוק יותר בתורה ובתפלה, ובפרט בשיחה בינו לבין קונו, שצריכין עתה להרבות בזה ביותר**, שכל אחד יפרש שיחתו לפני השם יתברך, הן על עצמו, הן עבורי, הן על הכלל, וה' שומע תפילת כל פה ישמע וירחם ויושיעני מהרה למען שמו הגדול שנקרא עלינו".

נתן'ען!". ער איז אזוי געווען מקושר אין דעם תכלית, אז בשעת אזא מין געוואלדיגער בזיון, בשעת מען פירט אים, און די חוצפה פון די מתנגדים - (אמר:) 'וואס הער איך זיי? אט וועט מען זאגן עס איז שוין פערציג יאר נאך ר' נתן'ען'! - אזוי צו זיין מקושר אין דער תכלית! און ווען מען גיט א טראכט איז דאך דער אמת טאקע אזוי – 'וואס זעהט זיך אן די אלע מעשה'ס?!'[פו]

און טאקע אט דער כח וואס די זאך איז געבליבן אויף דור דורות דאס איז נאר דערפאר ווייל זיי האבן געשוויגן! זיי האבן געהאט מקובל פונעם רבי'ן אז מען זאל שווייגן. פון דעם איז מען געוואקסן, דערפון איז געווארן, דערפון האט מען זיך געהאלטן.

בשעת איך בין געקומען קיין אומאן (תרע"ד) האט מען געזאגט: 'עס איז שוין ניין-און-זעכציג יאר נאך רבי נתן'ען'. ע"ד איז געווען ניין-און-זעכציג יאר נאך רבי נתן'ען.

עס איז טאקע אזוי, וואס איז געווארן פון די אלע חולקים? וואס איז געווארן פון זיי?! נאר מיט דעם כח וואס זיי (אנ"ש) האבן געוואוסט פונעם רבי'ן אז מען דארף שווייגן, און נישט נאר דער שווייגן איז (א מעלה), נאר מיט אט דאס וואקסט אונזער זאך, עס איז עפעס א מתנה מלמעלה.

אין דער מעשה דארטן פון 'זבוב ועכביש'[פז] (טָען הבע"ד:) "**אז די נשמה גייט אראפ – וואס האב איך שוין צו טוהן?' האט מען אים געענטפערט: 'די נשמה מוז אראפגיין אויף דער וועלט - און דו גיב דיר אַן עצה'!**". האט ער זיך אַן עצה געגעבן, (געברענגט) אַן אלטיטשקן, אַן איינגעבויגענעם, און ער האט געלאכט. פלעגן

[פו] עי' בעלים לתרופה במכתב מיום ו' וארא תקצ"ה לפ"ק קרימנטשוק: "**והנה ריבוי הבזיונות שכתבת**, אם אמנם צערי גדול מכל זה, **עם כל זה הכל הבל, כי הזמן פורח וימינו כצל עובר**, **ובימים מועטים יעבור הכל ויהיה נשכח הכל**, ומי שישאר על עמדו להסתופף בצל קדושתו זכרונו לברכה ולעסוק בספריו הקדושים אשרי לו ולהיפוך חס ושלום בודאי יבוש בעצמו ויתחרט מאד בעלמא דין ובעלמא דאתי".

[פז] מעשה ז' בסיפורי מעשיות.

זאגן אונזערע לייט: דאס איז געווען זיין עצה, אז מען וועט מאכן א געלעכטער פון אונז, מען וועט אונז אויסלאכן און שוין. 'די נשמה מעג שוין אראפגיין'...

❖

## "איך וואלט געקענט מאכן בעסער..."

עס איז דאך נישט שייך צו זאגן, א ברסלבער חסיד דארף גארנישט וועלן האבן דעם כבוד[פח]. איי דער כבוד ווערט ממילא? אבער איך דארף נישט וועלן. אונזער חסידות איז – 'נישט דאס וועלן!' דאס איז א חסידות וואס מען דארף ליידן, א חסידות וואס דער כבוד וועט זיין 'לאחר מאה ועשרים שנה'. אז דו וועסט מאכן דא גוט וועסטו דארטן האבן א חשיבות מיט די אלע זאכן, אבער דא איז נישט שייך. נאר ברוך השם, דער אויבערשטער האט רחמנות, אז מען האט נאך חברים איז דא מיט וועמען צו רעדן א גוט ווארט אויך, און ווער שמועסט נאך אז מען וואוינט אין א שטאט צוזאמען מיט חברים איז דאך אוודאי זייער גוט.

אמאל אין רוסלאנד איז דאך געווען - עס האט געקענט זיין איין חסיד אין א שטאט - און פון אלע זייטן האט מען אים געיאגט און גע'רודפ'ט און אנגעטוהן צרות. און אז ער האט זיך ארויסגעכאפט צו רבי נתן'ען און מען איז באלד געוואויר געווארן איז אים געווען ביטער. און פונדעסטוועגן האט מען זיך געהאלטן. אבער היינט ברוך השם – היינט איז דאך א גן עדן! - אזא מנין! מען דאוונט צוזאמען און מען לערנט און מען רעדט (פון רבי'ן) און מען טאנצט, מען טוהט - און פונדעסטוועגן נעמט מען נישט אריין אין זיך דער זאך אזוי ווי מען דארף עס אריינגעמען אין זיך אזוי ווי דער זאך קען פועל זיין און אזוי ווי די רפואה איז א געוואלדיגע רפואה. מען

---

[פח] עי' עלים לתרופה מכתב מיום א' י"ז בתמוז תקצ"ב: **"כבר ידעת שאנו רחוקים מכבוד עולם הזה, כאשר שמעתי ממנו ז"ל, וכאשר אנו רואים בעינינו בכל עת"** (עי' חיי מוהר"ן ר"ה). גם עי' בשיש"ק (חדש) ח"א קס"א: רבינו הקדוש אמר: **"מיינע לייט וועלן האבן דעם גרעסטן כבוד – און דעם גרעסטן בזיון!"**.

האט טאקע אזעלכע גרויסע רפואות, אבער מען ניצט זי נישט. עס איז גוט דאס ביסעלע דארטן, אבער עס קען דאך זיין בעסער, עס קען זיין בעסער.

❖

ר' ברוך האט דערציילט פון ר' געצע'ן (חותנו, שראה אותו בחלום אחר פטירתו ואמר לו:) **"עס איז מיר נישט שלעכט, נאר איך האב געקענט מאכן בעסער!"**. אז יעדער איינער זאל זיך גוט באטראכטן וועט ער זעהן אז ער קען מאכן בעסער. און טאמער דאכט זיך אים אז ער טוהט עפעס, זאל ער זיך גוט באטראכטן וועט ער זעהן אז ער קען מאכן בעסער. און דאס עיקר 'מאכן בעסער' איז נאר האבן מער ישוב הדעת, זיך מער מיישב זיין - סיי רעדן מערער מיט חברים, סיי רעדן מערער צום אויבערשטן, דאס איז דער עיקר 'מאכן בעסער' - דאס עיקר 'מאכן בעסער' איז נאר מיט דער זאך. ווארום די זאך וועט שוין גיין אויף אלעס, דאס איז אזא מין סארט בְּשָׂמִים וואס דאס קלינגט שוין אומעטום, דאס ווארפט שוין אריין תיקונים אין אלע 'מקומות הצרים והדקים'[פט].

---

[פט] ע"פ ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ט, אות ד', עיי"ש.

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

מוה"ר **צבי יוסף**
**פיש** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

מוה"ר **פנחס**
**גוטמאן** הי"ו
ווילאמסבורג יצ"ו
לרגל אירוסי בנו בשטומ"צ
למזל טוב

מוה"ר **זיידא חיים ישראל**
**הערשקאוויטש** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל אירוסי בתו עם החה"ח **יוסף חיים** במוה"ר **יואל אלי' וועבער** הי"ו וויליאמסבורג
למזל טוב

לעילוי נשמת מרת **פיגא**
**רבקה** ב"ר **חיים צבי**
**הכהן** ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב ה'תשפ"ב
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מרת **רוחמה**
**שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מו"ה **יעקב** ב"ר
**שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
ת.נ.צ.ב.ה

**בקשו רחמים**
לרפואת האברך מיקירי אנ"ש ר' **אלטר נפתלי בן ציון בן מינדל** לרפו"ש בקרוב בתושח"י